NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04695

YUNGVALD

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ביבליאָטעק פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד" 11—12

ביילאַגע צום זשורנאַל נומ. 12, 1989

יונגוואַלד

נומ. 3

פֿאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל" ● מאָסקווע ● 1989

СОДЕРЖАНИЕ

אינהאלט

Новые произведения. Миша Лемстер. Благословляю мир. на идише. (стихи)	3	נײַע ווערק. מישע לעמסטער. איך בענטש די וועלט אף ייִדיש (לידער)
Хая Мусман. Старая мама (рассказ)	8	כײַע מוסמאַן. די אלטע מאמע (דערציילונג)
О молодых еврейских писателях. Яков Тифлинский. А вы думаете иначе?	15	וועגן די יונגע ייִדישע שרײַבער. יאקאָוו טיפלינסקי. און איר טראכט עפשער אנדערש?
Владимир Цыбин. Раскрытые створы метафор	21	וולאדימיר ציבין. צעעפענטע טויערן פון מעטאפאָרן
Шира Горшман. В искусстве должна быть правда	26	שירע גאָרשמאַן. אין קונסט מוז זײַן עמעס
Из «Юнгвалда» 1923—1928 годов.	30	פונעם אמאָליקן „יונגוואלד"
Наша хрестоматия. Ицхок-Лейбуш Перец. Превращение мелодии	36	אונדזער כרעסטאָמאטיע. יִיצחאָק־לייבוש פּערעץ. א גילגל פון א ניגון
Ошер Шварцман. Стихи	70	אָשער שווארצמאַן. לידער
Шолом Аш. Библейские истории	92	שאָלעם אש. מײַסעלעך פון כומעש
Еврейские идиомы в картинках (художник — В. Песков)	98	ייִדישע אידיִאָמען אין בילדער (קינסטלער — וו. פּעסקאָוו)
Вопросы языка. Шолем Купершмид. Глаголы «hобн» и «зайн»	99	שפּראַך־פּראָגן. שאָלעם קופּערשמיד. „האָבן" און „זײַן"
Илья Абель. Сцены из еврейской жизни	109	איליא אבעל. סצענעס פון נעם ייִדישן לעבן
Письма читателей	125	בריוו פון אונדזערע לייענער

מישע לעמסטער

אין בענטש די וועלט אף ייִדיש

אײַזיק אף אן אײַזבערג

אויב עמעצער כידעשט זיך, וויאַזוי ייִדן האָבן געקאָנט לאָזן טיפֿע וואָרצלען אין אַזאַ „אומ־היימלעכן קאַנט", ענטפֿערן מיר אים מיט ווירדע: „שענער און רײַכער פֿון דער יאַקוטישער ערד איז ניטאָ!"

נ. יאַקוטסקי

(„סאָוועטיש היימלאַנד", נומ. 1, 1987).

בלויע אויגן, קרויזן שוואַרצע.
טוישוים אינעם ווײַסן קאַנט.
אײַזיק, ווו די אײַזבערג שטאַרצן,
איז אַ יונגער קאַפּיטאַן.

ווו איז דאָס געהערט געוואָרן?
זאָג מיר, כאַווער: יאָ, צי ניט?
אײַז פֿון הינטן, אײַז פֿון פֿאָרנט.
און דער ייִד איז אין דער מיט.

ענטפֿערט אײַזיק: הער אַ מײַסע,
ס'איז אַן עמעס. הער און שטוין.
אפֿן אײַזבערג כ'מאַך אַ רײַזע.
אין' יאַקוטיע איך ווױן.

דער אורזיידע מײַנער, אײַזיק,
האָט געבראכט אמאָל אהער,
צו די מוירעדיקע אײַזבערג
נאָדל־פּאָדעם און די שער.

ער האָט צוגעגייט זײַן גורל
צו דעם צאָפּן פײַן און פעסט.
גאָרנישט האָט ער ניט פארלוירן,
אָפּגעזוכט פאר זיך א נעסט.

דאָ די שטערן, ווי מאראנצן,
די פּאָליאר־שײַן לעשט ניט אויס.
אױף דער ערד די וויוגעס טאנצן.
און דער הימל איז דאָ גרויס.

מײַן באָבעס יערושע

די באָבע האָט די טכינע געלייענט
בא די לײַכטער, די אויגן פארמאכט,
איך בין געבוירן געוואָרן
אין יענעם פרײַטיקצונאכטס.

דערפאר מינאסטאמע פון דעמלט
ביז אין דעם הײַנטיקן טאָג,
בענטש איך די וועלט אױף יידיש,
איר שײַן אינעם הארצן איך טראָג.

א כאסענע אין יעדינעץ

הײַנט איז א כאסענע,
א כאסענע איז הײַנט.
אַט זיצן אלע קרויווים,
די פרײַנטלעך און די פרײַנט.

אלע זײַנען פריילעך,
מאזלטאָוו ווינטשן אלע,
פון בעלץ איז דער כאָסן,
פון יעדינעץ די קאלע.

אוועקגעשטעלט דאָס גלעזל
אפן ברייטן שטערן,
טאנצט א טענצל,
דער מעכוטן בערל.

און אינמיטן זאל
מעכוטענעסטעס צוויי,
סע דרייט דער אוילעם
א פריילעכס ארום זיי.

טאנצנדיק,
טאנצנדיק,
די סארווערן, אַט
טראָגט אונטער כאָסן־קאלע
איר פירמענע טאָרט.

אלץ איז טאם־גאניידן,
די פינגער צו באלעקן,
זיס איז דער פלאָדן,
געשמאק איז דער לעקעך.

שפּילן שוין די קלעזמער
דעם געזעגענונגס־מאַרש,
גאַנץ יעדינעץ
דעם פלאָדן האָט גענאַשט.

אין יעדער שטוב — אַ גאַסט
פריילעך איז און זאַט.
היינט דאָס גאַנצע שטעטל
האָט כאַסענע געהאַט.

וואָרצלען

אפילע אין די ווייסטע ביטערע צייטן,
ווען דאָס מאַזל באַם יידן
איז טיף אין דער ערד געוועזן,
ער האָט פון דאָרטן
ווי פון אַ קרענעצע אַ טיפער באַטאָג
אין הימל אויבן
די שטערן געזען.
און צו זיי זיך געצויגן,
געצויגן,
געצויגן.

איז עפשער פון דעמלט באַם יידן
אַלץ אינעם לעבן פאַרקערט:
זיינע וואָרצלען ציִען זיך
צו די שטערן אין הימל,
און דאָס מאַזל איז אָפטמאָל
טיף אין דער ערד.

עפשער

עפעס קומט אויס אזוי,
עפעס איז טאקע מאָדנע פּאָרט,
שוין טויזנטער יאָרן א ייִד,
קאָן ניט געפינען אף דער ערד אן אָרט.

און עפשער איז ניטאָ אזא אָרט?
צי עפשער איז ער
פון א געלער פּלאנעטע אמאָל געקומען אהער?
אָדער פון דאָרט
האָט מען אים פאר כאטאָים ארויסגעשיקט,
און מיט אן אייביקער בענקשאפט אין הארצן
ער זוכט און קאָן ניט געפינען זיין גליק?

און עפשער דערפאר האָט דער ייִד
דעם שאבעס באשאפן —
דאָס איז געווען זיין קאָסמישע שיף.
ער פלעג ארייַנגיין אין איר,
אָנטאָן דעם טאלעס,
אָנטאָן די טפילן,
אָנצינדן די ליכט
און פליִען,
פליִען,
פליִען...

מיר זעצן פאַר צו דרוקן „יונגע" מעכאבּרים, וועמענס עלטער מיר האלטן בעסאַד. ווי דאָס זאָל ניט זײַן, איז דאָס א צוווּקס צו אונדזער ליטעראַטור.

הײַנט דרוקן מיר א דערציילונג פון כײַע מוסמאַן (מאָסקווע), וועלכע האָט אָנגעהויבן שרײַבן ייִדיש נאָך אַן איבעררײַס פון פופציק יאָר.

כײַע מוסמאַן

די אלטע מאמע

(אַן עמעסע געשיכטע)

זי איז אלט געווען פיר און פערציק יאָר, ווען איר מאַן איז געשטאָרבן. ער האָט איר איבערגעלאָזט פינף קינדער און א קלייט אױף יערושע.

אױף דער לעווײַע האָט עמעצער געזאָגט, אַז זי איז אַן אַלמאָנע אונטער א גאָלדענעם דאַך. זי האָט דאָס דערהערט, און אױפן קייווער האָט זי געשריגן: „אַן אַלמאָנע אונטער א גאָלדענעם דאַך איז דאָך פאָרט אַן אַלמאָנע".

שפּעטער איז געקומען די רעוואָליוציע און פון דעם „גאָלדענעם דאַך" איז געוואָרן אש און פאָרעך.

אופצײַען די קינדער און ארויספירן זיי אין מענטשן האָט געהאָלפן די סאָװעטישע מאַכט. אַלע אירע קינדער האָבן זיך אויסגעלערנט, ווער אױף א בוכהאַלטער, ווער אױף אַן אינזשעניער, כאַסענע געהאַט, זיך צעפאָרן. די מאַמע איז געבליבן מיטן מיזיניקל, מיט איזיען. ער האָט געאַרבעט אַלס אַן אינזשעניער אױף דער באַן. זײַן פרוי, א קליינטשקע, כיינעוודיקע, שוואַרץ־אויגיקע, איז געווען א ציין־דאָקטער. מע האָט זי גערופן „די קליינע דאָקטערשע".

די אלטע מאמע האָט אופגעצויגן זייערע צוויי קינדער און האָט געפירט די שטוב, זי איז דעמאָלט געווען נאָך ניט אזוי אַלט, נאָר זי איז געווען שוין נאָך די זעכציק.

זעקס יאָר האָבן זיי געלעבט צוזאַמען, זעקס גליקלעכע יאָר.

דערנאָך איז געקומען דער גרויסער אומגליק. אין 1937 יאָר האָט מען איזיען ארעסטירט. מע האָט אים גענומען גלײַך פון דער ארבעט. זיי האָבן אפילע ניט געקאָנט מיט אים זיך געזעגענען.

זײַן ווײַב איז געגאנגען אין די אנשטאלטן זיך עפּעס דערוויסן וועגן איר מאן, געשטאנען אין די לאנגע רייען מיט פּעקלעך פאר אים. שפּעטער האָט מען געזאָגט, אז מע האָט אים פאררורטיילט אף צען יאָר אָן א דערלויבעניש צו שרײַבן און באקומען בריוו, און מע האָט אופגעהערט נעמען בא איר די פּעקלעך.

דאָס ווײַב האָט אין די געדאנקען איבערגעוויקלט יעדן טאָג, וואָס זיי האָבן צוזאמען איבערגעלעבט, יעדעס וואָרט, וואָס זי האָט געדענקט, זי האָט געזוכט און ניט געקאָנט געפינען אפילע א סימען, א שפּור, וועלכער האָט געלאָזט צווייפלען אין זײַן אָרנטלעכקײַט, צו גלייבן, אז ער, איזיע, איז א פײַנט פון דעם פאָלק.

די אלטע מאמע האָט אויך ניט געצווייפלט אין דער אָרנטלעכקײַט פון איר זון. און דערפאר האָט זי געגלייבט, אז איזיע וועט זיך אומקערן אהיים.

בייס עס האָט זיך געטראָפן דער אומגליק מיט איזיען האָבן אלע קינדער דער מאמעס אופגעהערט איר שרײַבן.

די מוטער האָט פארשטאנען, אז זיי האָבן מוירע געהאט, ווײַל זיי זײַנען דאָך געווען ברידער און שוועסטער פון דעם פײַנט פון פאָלק. זי איז עטלעכע מאָל געפאָרן צו אירע קינדער, איז געזעסן אין שטוב בא זיי, די שכיינים זאָלן זי ניט זען, זי האָט מוירע געהאט, אז די שכיינים וועלן זיך דערוויסן וועגן איזיען און מאסערן, אז די קינדער אירע האָבן דורך איר א קאָנטאקט מיט דעם פײַנט פונעם פאָלק. דאָס איז געווען א גרויסע געפאר און מאסערן האָבן גע־קאָנט אלע — אזעלכע זײַנען דעמלט געווען צײַטן.

מיט איר שנור איז מען זיך באגאנגען מיט ראכמאָנעס. מע האָט זי איבער־געלאָזט אף דער ארבעט און ניט ארויסגעטריבן פון דער דירע. אָדער די שטאָט האָט אויסגעפילט דעם פּלאן מיט די פײַנט פונעם פאָלק, אָדער די אָנפירער פון דער שטאָט האָבן ניט געוואָלט בלײַבן אָן אזא גוטן דאָקטער. ווער קאָן איצט וויסן, פארוואָס האָט מען עמעצן פארהיט און עמעצן אָן שולד אומגע־בראכט.

דער שנור נאָך איזיעס ארעסט איז געוואָרן זייער שווער, ווײַל זי איז געבליבן מיט צוויי קליינע קינדער און מיט דער אלטער מאמען, זי האָט אָנגע־הויבן ארבעטן אף צוויי אומבײַטן צו צוועלף שאָ טאָגטעגלעך בא דער באָר־מאשין.

די אלטע מאמע האָט שטרענג געהאלטן די שנור.

— ווּ ביסטו געווען אזוי שפּעט? — פלעג זי פרעגן מיט פאַרדאַכט, ווען די שנור פלעג פאַרשפּעטיקן — ס'וועט קומען איזיע, וואָס וועסטו אים זאָגן.

די שנור האָט ניט געזוכט קיין נײַע ליבע, ניט קיין אנדערע פאַרגעניגנס. נאָר ס'זײַנען געווען טעג, ווען ס'איז געווען באַזונדערס שווער אפן הארצן, און דעמלט פלעג זי גיין איבער די גאַסן, ווּ זיי האָבן מיט איזיען ליב געהאַט צוזאַמען שפּאַצירן אין די אַזוי ווײַטע, אומפאַרגלײַכלעכע יאָרן.

אַזוי האָבן זיי געלעבט. דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע. זיי האָבן זיך עוואַקוירט קיין מיטל־אַזיע. דאָרט האָט זיי געפונען דער מאַמעס עלטסטער זון און צוגעשיקט פונעם פראָנט אַן אַטעסטאַט. זײַן ווײַב און קינדער זײַנען געבליבן באַם דײַטש, זיי האָבן ניט געקאָנט אַרויספאָרן, ווײַל דער פײַנט האָט גאַנץ שנעל פאַרנומען זייער שטאָט.

שפּעטער מיט אַ יאָר האָט די מאַמע באַקומען אַ ידיעה, אַז איר זון איז אומגעקומען אין איינער פון די שלאַכטן. זי האָט באַוויינט דעם זון — דאָס איז געווען דאָס ערשטע קינד אירס, וואָס איז געשטאָרבן. זי איז געווען זיכער, אַז איזיע לעבט.

נאָך דער מילכאָמע האָבן זיי זיך אומגעקערט אַהיים, די אַלטע מאַמע איז געפאָרן אין אַלע שטעט, ווּ פאַר דער מילכאָמע האָבן געוווינט אירע קינדער, און שרעקלעכע ידיעס האָט זי אויסגעהערט פון די שכיינים און באַקאַנטע וועגן אירע קינדער.

איין זון מיט זײַן ווײַב און קינדער און די גאַנצע פאַמיליע פון דעם ערשטן זון אירן, וואָס איז געפאַלן אפן פראָנט, זײַנען אומגעקומען אין באַבי יאַר. איין טאָכטער מיט אירע קינדער האָט מען צעשאָסן צוזאַמען מיט אַלע ייִדן פון דער שטאָט, ווּ זי האָט געלעבט. די צווייטע טאָכטער מיט איר מישפּאָכע האָט מען אַרויסגעפירט אין געטאָ און דערנאָך פאַרניכטעט. אַלע, אַלע קינדער דער מאַמעס זײַנען אומגעקומען.

זי האָט אַפילע ניט געפונען די ערטער, ווּ ס'זײַנען באַערדיקט געוואָרן אירע קינדער.

זי האָט געזוכט צווישן די שכיינים און באַקאַנטע, עפּשער האָט עמעצער אָפּגעראַטעוועט כאָטש איינעם פון אירע אייניקלעך, נאָר זי האָט קיינעם ניט געפונען.

וויאַזוי האָט זי דאָס אויסגעהאַלטן, וויאַזוי דאָס איבערגעלעבט, וויאַזוי האָט אויסגעהאַלטן דער מאַמעס האַרץ?

עטלעכע כאַדאָשים איז זי ווי אַ פלאַסט געלעגן אין בעט. מע האָט שוין ניט געגלייבט, אַז זי וועט בלײַבן לעבן, נאָר זי איז געקומען צו־זיך. די האָפענונג, אַז איזיע לעבט און זי וועט אים נאָך זען האָט איר געהאָלפן.

ס'קאָן ניט זײַן, אז נאָר איין קינד איז בא איר געבליבן — איזיע. ס'קאָן ניט זײַן, — אזוי האָט זי געטראכט, — אז גאָט זאָל זי אזוי שטראָפן און צונע־מען בא איר דאָס לעצטע קינד אירס.

זי פלעג זאָגן דער שנור:

— מע דארף גלייבן, מע דארף האָפן. ביזוואַנען דו גלייבסט — לעבט ער, ווערסט אופהערן גלייבן, קאָן ער, כאָלילע וועכאָס, שטארבן.

די קינדער פלעג זי אויך יעדעס מאָל דערמאָנען וועגן דעם פאָטער. אז עפּעס האָט אויסגעפעלט אין שטוב, האָט זי געזאָגט:

— עס מאכט ניט אויס, אָט וועט קומען דער טאטע, וועט ער קויפן, פאריכטן, מיט איין וואָרט, ער וועט מאכן דאָס, וואָס ס'מאכן די פאָטערס, וועלכע זײַנען דאָ.

אז דאָס אייניקל האָט ניט געוואָלט זי הערן, פלעג זי אים דראָען:

— וואַרט צו, ס'וועט קומען דער טאטע, ער וועט דיר געבן פעטש, דו וועסט זיך דערוואַרטן.

זי האָט אליין ערלעך געגלייבט אין דעם, וואָס זי האָט געזאָגט די קינדער. זי האָט געגלייבט, אז איזיע וועט קומען, זי האָט אף אים געוואַרט יעדן טאָג. בייס זי האָט געקאָכט וואַרמעס, פלעג זי קאָכן מער, אז אויב ער וועט קומען צו מיטיק, זאָל זײַן פאר אים אויך א פאָרציע.

יעדן גאַנצפרי פלעג זי זיך אופכאַפּן מיט האָפענונג, אז הײַנט וועט ער קומען. און יעדן אַפּדערנאַכט פלעג זי דאַוונען, טפילע טאָן, ער זאָל קומען מאָרגן, בעטן בא גאָט, זי זאָל גיכער זען איר זון, ער זאָל מאָרגן קומען.

די יאָרן זײַנען געפלויגן, זי איז שוין געווען זייער אלט, נאָך אכציק, און זי האָט זייער מוירע געהאט, אז זי וועט זיך אף אים ניט דערוואַרטן.

איינמאָל איז צו איר שנור געקומען זיך היילן די ציין א וויכטיקע פּערזאָן פון די דרײַ אויסיִעס. א גאַנצע וואָך האָט ער געליטן ציין־ווייטיק, נאָר דער געדאַנק, אז די באָר־מאַשין וועט זיך ארײַנהאַקן אין זײַן קראַנקן צאָן, האָט אף אים געוואָרפן א שרעקלעכן פּאַכעד. דער צאָן האָט טאָג און נאכט ווי געטאָן און אים נישט געלאָזט ניט ארבעטן, ניט שלאָפן, ניט לעבן. די באַקאַנטע האָבן אים דערציילט, אז אין דער שטאָט איז דאָ זייער א גוטע ציין־דאָקטערשע מיט א לײַכטער האַנט, נאָר אים האָט אָפּגעשטעלט ניט בלויז די שרעק פאר דער באָר־מאַשין, נאָר אויך דער געדאַנק, אז די פרוי איז א ווײַב פון א פײַנט פונעם פאָלק און ער דארף צו איר אָנקומען. נאָך א נאכט, בעמעשעך פון וועל־כער ער האָט ניט פארמאכט קיין אויג, האָט ער זיך אײַנגעשטעלט גיין צו דער דאָקטערשע.

ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, אז די באָר־מאַשין אין דער האַנט פון „דער קליינער דאָקטערשע" איז גאָר א געוויינלעכער מעדיצינישער אינסטרומענט,

וועלכן מע קאָן לײַדן. און אויב אפֿן ערשטן באַזוך האָט ער זיך באַדעקט מיט א קאַלטן שווייס פֿון פּאַכעד, פֿלעג ער שפּעטער גיין צו דעם דאָקטער גאַנץ מוטיק.

זײַנע ציין זײַנען געווען זייער פֿאַרלאָזט, און ער האָט געמוזט א לאַנגע צײַט באַזוכן דעם צײן־דאָקטער.

צווישן זײַנען צווישן דער דאָקטערשע און דעם פּאַציִענט געווען זייער אָנגעצויגענע באַציִונגען, ווײַל זיי ביידע האָבן געוווּסט, ווער איז ווער. שפּעטער, אונטער דעם אײַנפֿלוס פֿון דער גוטער באַציִונג און איידלקייט פֿון דער דאָקטערשע צו דעם פּאַציִענט, איז די אָנגעשטרענגטקייט אָפּגעגאַנגען און זיי האָבן אָנגעהויבן רעדן נאָר אויף אָפֿיציעלע טעמעס.

איינמאָל האָט זי אים דערציילט וועגן איר שוויגער, דער אַלטער מאַמע, וויאַזוי זי וואַרט אויף איר זון, און אים געבעטן, ער זאָל אַרויסרופֿן די אַלטיטשקע צו זיך און איבערגעבן איר א בריוו, קלוימערשט פֿון איר זון, וועלכן זי, די דאָקטערשע, וועט אַליין אָנשרײַבן.

צווערשט איז דער נאַטשאַלניק איבעראַשט געוואָרן פֿון דער כוצפּע פֿון דער פֿרוי, בא וועלכער דער מאַן איז א פֿײַנט פֿונעם פֿאָלק, אָבער שפּעטער האָט ער זיך באַקלערט און איז מאַסקים געווען. עפּשער האָט ער בעעמעס ראַכמאָנעס געהאַט אויף דער אַלטער מאַמען, אָדער ער האָט געוואָלט יויצע זײַן פֿאַר דער דאָקטערשע; און עפּשער דער ליגן, וועלכן זי האָט געבעטן, ער זאָל זאָגן, איז אים געווען ניט שווער, און ס'האָט אים זעלבסט מיט גאָרניט געדראָט, ווײַל דאָס איז געווען ענלעך אויף דער אָפֿיציעלער פּאָליטיק — אַלע קרויווים פֿון די דערשאָסענע אין די דרײַסיקער יאָרן האָט מען געזאָגט, אַז זיי זײַנען פֿאַרורטיילט געוואָרן אויף צען יאָר מיט פֿאַרבאָט צו שרײַבן בריוו.

קורץ, דער נאַטשאַלניק האָט אַרויסגערופֿן די אַלטע מאַמע און האָט איר געזאָגט, אַז איר זון אַרבעט אין א סעקרעטנע קאָמאַנדיראָווקע, שרײַבן אַהיים טאָר ער ניט, דורך אים האָט ער צוגעשיקט א בריוו, און אַז ס'וועט זיך ענדיקן די אַרבעט, וועט ער קומען צוריק. ער האָט איר נאָך געזאָגט, אַז זי זאָל קיינעם וועגן דעם בריוו ניט דערציילן.

ווי אויף פֿליגל איז געפֿלויגן די אַלטע מאַמע אַהיים מיט דער גליקלעכער ידיִע. זי האָט געבעטן די שנור פֿיל מאָל לייענען דעם בריוו, ביז וואַנען זי האָט אים ניט אויסגעכאַזערט אויסווייניק. זי איז געווען גליקלעך. איר זון לעבט, גאָר אינגיכן וועט ער קומען צוריק, און זי וועט זיך דערוואַרטן אויף אים.

צוויי מאָל אין יאָר, פֿאַר דעם 1 מײַ און 7 נאָיאַבער, פֿלעג דער נאַטשאַלניק זי אַרויסרופֿן צו זיך און איבערגעבן איר דעם בריוו, וועלכן עס פֿלעג אָנשרײַבן איר שנור אין נאָמען פֿון איר מאַן. די אַלטיטשקע האָט געלעבט, וואַרטנדיק אויף די בריוו.

איבערן לאַנד האָבן זיך ווידער געקליבן שוואַרצע כמאַרעס, סטאַלין האָט געקעמפט מיט די קאָסמאָפּאָליטן, געשניטן דעם לענינגראַדער געגנטקאָם, די ייִדישע שרײַבער און קולטור־טוער, נאָר די אַלטע מאַמע האָט גאָרנישט פֿון דעם ניט געוווּסט, קיין צײַטונגען האָט זי ניט געלייענט. שפּעטער האָט זי באַמערקט, אַז איר שנור איז געוואָרן אומרויִק, שלאָפֿט ניט בײַנאַכט.

אין מאָסקווע האָט מען אַרעסטירט די דאָקטוירים און אין דער פּאָליקליניק, ווו די שנור האָט געאַרבעט, האָט א כּוליגאַן געשריגן, אַז ער וויל ניט, זי זאָל אים היילן, ווײַל די ייִדישע דאָקטוירים זײַנען מערדער.

— וואָס האָסטו מוירע, נאַריש קינד, — האָט זי געטרייסט די אַלטע מאַמע, — דו ביסט א גוטער דאָקטער, אַלע קענען דיך, און מיט די מאָסקווער דאָקטוירים וועט אַלץ זײַן גוט, סטאַלין וועט זיך דערוויסן, און ער וועט זיי אַרויסלאָזן.

די שנור האָט געשוויגן. זי האָט ניט געקאָנט זאָגן דער מאַמען, אַז איר זון איז אויך געווען א לײַטישער מענטש, נאָר קיינער האָט אים ניט געהאָלפֿן. „וואָס וועט זײַן מיט מײַנע קינדער, — האָט געטראַכט די שנור, — אויב מ'וועט אויך מיך אַרעסטירן?"

זי האָט מוירע געהאַט צו גיין אױף דער אַרבעט. מענטשן פֿאַרגעסן זייער גיך דאָס גוטס. ווער וועט זי פֿאַרטיידיקן פֿון די כּוליגאַנעס און אַנטיסעמיטן?

יעדן טאָג האָט זי געוואַרט, אַז מע וועט זי אַרויסטרײַבן פֿון דער אַרבעט, אַרעסטירן. אין די לאַנגע נאַכט־שאָען האָט זי זיך צוגעהערט צו די טריט לעבן דער טיר, צו די קוילעס בײַ דעם פֿענצטער.

די אַלטע מאַמע איז אויך ניט געשלאָפֿן, זי האָט געפֿילט דעם אומרו פֿון דער שנור.

דערנאָך איז געשטאָרבן סטאַלין.

די אַלטע מאַמע האָט זייער געוויינט. זי האָט געמיינט, אַז איצט, ווען סטאַלין איז ניטאָ, וועט די קאָמאַנדיראָווקע פֿון איר זון זיך פֿאַרציִען.

די שנור האָט אויך געוויינט, ווי אַלע. זי האָט קיינמאָל ניט פֿאַרבונדן אין אירע געדאַנקען סטאַלינען מיט איזיעס טראַגעדיע, מיטן אַרעסט פֿון די דאָקטוירים. איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ווען סטאַלין ווייסט וועגן דעם אַלעמען, וואָלט ער די גערעכטיקײַט אײַנגעשטעלט.

נאָך סטאַלינס טויט האָט מען די דאָקטוירים אין מאָסקווע אַרויסגעלאָזט. די שנור האָט זיך באַרויִקט, און די מאַמע האָט זיך אויך באַרויִקט.

זי איז שוין געווען זייער אַלט, איר גראָוער, אויסגעטריקנטער קאָפּ האָט זיך געטרייסלט, און אירע הענט זײַנען געווען איבערגעצויגן ניט מיט הויט, נאָר ווי מיט פּערגאַמענט. יעדן אָוונט פֿאַרן שלאָף האָט זי טפֿילע געטאָן און גערעדט מיט גאָט.

מיט דער שנור און די קינדער פלעג זי רעדן אף רוסיש, מיט גאָט — אף ייִדיש.

— גאָטעניו, — פלעג זי רעדן, — וואָס טוסטו, דו זעסט דאָך, אז איך בין אלט, מײַנע קויכעס גייען אויס, איך קאָן יעדן טאָג שטארבן, און דו אײַלסט זיך ניט. טו אזוי, אז איזיע זאָל קומען מאָרגן, דו הערסט, ריבוינעשעלוילעם, מאָרגן!

זי האָט געוווּסט, אז ס'איז א כוצפע אזוי צו רעדן מ'יט גאָט, נאָר זי האָט שוין ניט געהאט קיין צײַט מער צו ווארטן.

איינמאָל, ווען די גאנצע פאמיליע האָט זיך צונויפגעקליבן צום אָוונט־עסן, איז זי אנשלאָפן געוואָרן בא דעם טיש. שטיל אזוי, אומבאמערקט.

— שא, די באָבע שלאָפט, — האָט געזאָגט איר אייניקל.

דערנאָך האָבן זיי פארשטאנען, אז זי וועט זיך שוין קיינמאָל ניט אופכאפן.

אין 1957 האָט מען דער שנור אָפיציעל מיטגעטיילט, אז איר מאן האָט מען דערשאָסן נאָך אין 1937 יאָר. און נאָך האָט מען איר געזאָגט, אז ער איז געווען אומשולדיק.

זי האָט אין דעם קיינמאָל ניט געצווייפלט.

צום 25־טן יובילײ פון „יוגנטרוף“

מיר באגריסן הארציק די יונגע צפון־אמעריקאנער ענטוזיאסטן פון דער ייִדישער שפראך און קולטור, וועלכע האָבן זיך מיט א פערטל יאָרהונדערט צוריק פאראייניקט אונטער דעם דעוויז „יוגנט פאר ייִדיש“. זאָלן אונדזערע קאָלעגן מאצליעך זײַן אין זייער טעטיקײַט צו אנטוויקלען די ייִדישע קולטור אין אמעריקע און קאנאדע. מיר האָפן, אז די צוזאמענארבעט פון יונגע ייִדיש־ליבהאָבער, וועלכע לעבן אין פארשיידענע עקן פון דער וועלט, וועט ברענגען נוצן דער וואקסנדיקער שטרעבונג פאר אָפהיטן די אומשאצבארע אוצרעס פון דער ייִדישער קולטור.

מיט „יונגוואלד“־גרוס
רעדאקציע און רעדקאָלעגיע
פון „סאָוועטיש היימלאנד“

יאַקאָװ טיפּלינסקי

און איר טראַכט עפּשער אַנדערש?

לעװ בערינסקי האָט פאַר די יאָרן 1982—1989 פאַרעפנטלעכט אין זשור־נאַל „סאָװעטיש הײמלאַנד“ א היפּשע צאָל לידער. דאָס גיט א מעגלעכקײַט זיך אַרויסזאָגן װעגן זײַן שאַפונג.

װי די לייענער האָבן געקאָנט שוין באַמערקן, שײדן זײַנע לידער זיך שטאַרק אונטער פון די, צו װעלכע מיר זײַנען געװען צוגעװױנט אין משך פון א סאַך יאָרן. און ניט נאָר פון די קלאַסיקער — האָפשטײן, פעפער, כאַריק, קושניראָװ, מאַרקיש, נאָר אַפילע פון זײַנע מיטצײַטלער — בײדער, מאָגילנער, גאָלבשטײן, רעלעס. און זײַנע לידער טײלן זיך אויס ניט בלויז מיט זײער פאָרם, נאָר איבערהויפּט מיטן אינהאַלט, מיט דער אויספאָרעמונג פון די קינסטלערישע געשטאַלטן.

דאָס, װאָס בערינסקי מײַדט אויס פּינקטלעכע גראַמען, אָן אײַנגעשטעלטע ריטמיק, דעם טראַדיציאָנעלן געבוי פון דער סטראָפע, דאָס, װאָס די מערהײַט לידער זײַנען אָנגעשריבן אין װערליבר (פרײַער פערז), איז נאָך א קלײנער „כיסאָרן“. מיר װײסן, אַז פיל דיכטער (אַשטײגער, פעט) האָבן געשריבן אין װערליבר און די לידער זײַנען געװען אויסגעצײכנטע (עמעס, װעגן דעם כאַ־ראַקטער פון אָט דער פּאָעטישער פאָרם פירט זיך ביז איצט א פּאָלעמיק צװישן די ליטעראַטור־קענער). און װאָס איז שײַעך ניט שרײַבן מיט פּינקטלעכע גראַ־מען, האָט די אַנטישע פּאָעזיע פון זײ אינגאַנצן ניט געװוּסט און דאָס האָט איר ניט געשטערט זײַן הויך קינסטלעריש.

א גרעסערער כיסאָרן איז דאָס, װאָס די לידער זײַנען בא אים נעפּלהאַפט, אומקלאָרע, מיט אומגעלומפּערטע פאַרטונקלטע שורעס. ניט בלויז א דורכ־שניטלעכער לײענער, נאָר אַפילע א הויכקװאַליפיצירטער װעט דאָ צומאָל ניט פאַרשטײן, װאָס דער אויטאָר מײנט. אין דער מערהײַט זײַנע לידער טרעפן מיר סימבאָלישע אַבסטראַקציעס, אומדערװאַרטע איבערגענג פון רעאַלן צו אַבס־

טראקטן, פאנטאסטישן, צו אינטעלעקטועלער איבערגעלאָדנקייט, אינדיווידואַ־ליסטישע איינגעליבטקייט אין זיך, עגאָצענטריזם.

עס שאפט זיך א מיינונג, אז דער פּאָעט שטרעבט מיט אַלע קויכעס צו איבעראשן, פארוווּנדערן דעם לייענער, אים אונטערטראָגן אזוינס, וואָס עס איז שווער צו פאָרשטעלן זיך. ווייל אינדערעמעסן, ווי קאָן מען זיך פאָרשטעלן אזא בילד, ווען א מענטש זאָל איבערשניידן דעם האלדז פונעם רעגן (די ליד „דאָס פארלוירענע קינד"), אָדער אזא געשיכטע: דער עלטערער ברודער האָט זיך פארליבט אין א מיידל, דאָס מיידל וויל אים ניט, וויל ער זיך נעמען דאָס לעבן. איינמאָל אין א פרילינג־פארנאכט, ווען ער האָט זי באגלייט אפן טאנצפּלאַץ, האָט ער זיך אראָפּגעוואָרפן פון דער בריק אין וואסער (ביז אהער איז אַלץ נאָרמאל, וואָס טרעפט זיך ניט אין לעבן?), נאָר ווייטער איז שוין אַלץ פאר־פּלאָנטערט. דאָס מיידל האָט אָנגעהויבן שרייען און איז אוועקגעלאָפן (ווייזט אויס, רופן עמעצן צו הילף), דער ברודער האָט דערהערט דאָס געשריי, האָט ער זיך געלאָזט פּליען נאָך איר, ער האָט זי ניט געקאָנט אָפּזוכן... דערווייל איז די צייט געגאנגען. ביז ער איז ערשט צו דעם וואסער דערפלויגן, איז דער טייך שוין פארפרוירן געווען, „און ער האָט נאָך געגעבן א הודע אין אייז, ווי א דראנג, און אוואדע זיך איבערגעבראָכן א פוס..." דערנאָך ווייזט זיך ארויס א נייַס: „די מאמע זאָגט גאָר, אז קיין עלטערן ברודער האָב איך קיינמאָל ניט, זאָגט זי, געהאט..." („מיין עלטערער ברודער").

צוליב וואָס קאָמפּליצירט ריידן וועגן דעם, וואָס מע קאָן זאָגן פּראָסט און פּאָשעט, צוליב וואָס א פארשטענדלעכן געדאנק אזוי פארפּלאָנטערן, ס'זאָל זיך באקומען אן אבסורד?

וועגן בערינסקיס שאפונג האָט ארויסגעזאָגט זיין מיינונג הירש רעלעס. ער האלט, אז בערינסקי פארגייט אין אייניקע פאלן אזוי ווייט אין נאָוואטאָריש־קייט, אז ער קאָן זיך שוין אליין ניט ארויסקלייבן פונעם פּלאָנטער, אז ער איז ניט קיין אָנהענגער פון זיין מאניר: „כ'האָב ליב לידער, וואָס, לייענענדיק זיי, מוז מען זיך ניט גריבלען אין פערז, ווי אין א רעבוס".

מע דארף גלייך באמערקן, אז רעלעס דריקט אויס די מיינונג פונעם גרעסטן טייל לייענער, אויב ניט פון אַלע. ווייל מע דארף געדענקען, פון וועמען באשטייען די איצטיקע לייענער פונעם זשורנאל. זייער פינקטלעך און גוט האָט וועגן דעם געזאָגט וועלוול טשערנין: „דאָס, וואָס מיר ווייסן, אז אונדזערע לייענער פארגלייכן די ווערק פון דער הייַנטצייטיקער יידישער ליטעראטור מיט די מוסטערן פון דער רוסישער און וועלט־ליטעראטורן, אז זייער זע־קרייַז איז ניט באגרענעצט מיט שטעטלשע דאלעדאמעס, צווינגט אונדז צוגיין מיט העכערע פאָדערונגען צו אונדזערע יידישע ווערק".

פארשטענדלעך, יעדער אָנפאנגער זוכט זיין אייגענעם גאנג, האגאם ס'איז

אויך באַוווּסט, אַז אין די ערשטע זײַנע טריט, וואָס ער שטעלט אין דער ליטע־ראַטור, געפינט ער זיך אונטער דער ווירקונג פון דעם אָדער יענעם וואָרט־מײַסטער. וועגן בערינסקין קאָן מען ניט זאָגן, אַז ער געפינט זיך אונטער עמעצנס ווירקונג. פאַרקערט, ער האָט פון סאַמע אָנהייב צעריסן מיט דער אײַנגעשטעלטער טראַדיציע פון אונדזער הײַנטצײַטיקער סאָוועטישער דיכטונג און איז אַוועק מיט זײַן אייגענעם וועג, מיט אַ וועג פון אַ נאָוואַטאָר. ס׳איז אָבער באַוווּסט, אַז נײַע מאַנירן און דיכטערישע גרימאַסן זײַנען נאָך קיינמאָל ניט געווען אַ באַווײַז פון אָריגינעלקײַט, פון דיכטערישער מײַסטערשאַפט.

עס איז אַ מערקווירדיקע זאַך: די שפּראַך איז בײַ אים אַ פּראָסטע, אַפילו נאָענט צו פאָלקסטימלעכער, יעדעס וואָרט באַזונדער איז קלאָר און פאַרשטענדלעך, נאָר ווען דער דיכטער הייבט אָן פון זיי שאַפן פּאָעטישע געשטאַלטן, ווערן זיי אָן זייער קלאָרקײַט, קאָנקרעטקײַט, זייער רעאַלקײַט, און עס באַקומט זיך אָפּט אַן אַבסורד. איינע פון זײַנע לידער הייסט טאַקע אַזוי: „אַבסורד״. מיר ברענגען עטלעכע שורות פון איר:

איז אין וואָס פאַר אַ וועלט לעבן מיר —
אַריסטאָטעלס, ניוטאָנס צי איינשטיינס?
איך לעב אין מײַן אייגענער וועלט
(ווערט ניט אין קאַס!)
אין אַ וועלט, ווו די כשאָדיקסטע,
די סאָפּעקדיקסטע מעטאַפאָר איז גלייבלעכער,
איידער דער דאָזיקער מאַקראָ־ צי מיקראָ־אַבסורד.
אַבסורד — וואָס די בלומען און ניט גאָר
די מענטשן האָבן אַזאַ אַראָמאַט.
אַניט וואָלטן בינען אויף מיר אָנגעפלויגן.
אַבסורד — וואָס כ׳וועל אייביק סוועטלאַנען
ניט אופהערן ליבן,
אַניט וואָלט איך לאַנג שוין קראַפּירט
אָדער מאַסקים געוועןן אײַך צו גלייבן,
אַז $E = mc^2$ (באַוווּסטע פאָרמול פון איינשטיינס
רעליאַטיוו־טעאָריע)...

אין אַזאַ מאַניר זײַנען אָנגעשריבן די לידער „פּראָיעקט פון אַ דענקמאָל מײַן טאַטן בײַס זײַן אייביקן לעבן״, „די ראַקעטיזאַציע און דער צאָרן פון דער שטילער נאַטור״, „אינעם גראָז, אין גאַניידן, אויף דר׳ערד״, „הייזעריקע שלענג, דאָס לעבן, דער טויט״, „אַ סרייפע״, „אַן אָפענער בריוו צום רעדאַקטאָר״ און אַנדערע.

טרעפט, וואָס וויל דער אַוטאָר זאָגן מיט אָט דער ליד:

מיין טעלעפאָן שטייט בא מיר אפן פענצטער, דער דראָט
גייט ארויס דורך א פאָרטקע און ציט זיך
העט־ווײַט ביזן בארג,
ווו עס שטייט (שוין אָן בלעטער) א בוים, —
און ער הענגט דאָרט אראָפּ פון א צווײַגל,
זיך איבערגעריסן.
כ׳נעם דאָס טרײַבל, דערהער, ווי מע אָטעמט
אף יענער זײַט וועלט.
שוין, מע שווײַגט, און מע וואַרט נאָר, כ׳זאָל עפּעס־וואָס זאָגן...

וועט איר זאָגן, אז ס׳איז גאַנץ פּאָשעט. באם דיכטער איז קאַליע געוואָרן דער טעלעפאָן און ער דאַרף ארויסרופן א מײַסטער. קאָן דאָך אָבער ניט זײַן, אז אף דעם איז אים געווען נייטיק אָנשרײַבן א ליד. דאָ דאַרף ליגן עפּעס א מיין, נאָר גיי טרעף א וועלכער. אומזיסט אײַער מי, איך וועל אײַך אונטער־זאָגן: די ליד איז וועגן פּאָעזיע, אזוי טאַקע האָט דער דיכטער זי אָנגערופן: „פּאָעזיע״. אזעלכע לידער־רעטענישן זײַנען דאָ ניט ווינציק. מיר דוכט, אז ניט קיין אָנגענעמען אײַנדרוק מאַכן אזעלכע שורעס:

וואַרט אויס, איך בין ליאָווע בערינסקי,
זײַן שטילע נעשאָמע...
ס׳איז אזוי, ווען כ׳בין יינגער געווען,
האָב איך, עמעס, געגרייט זיך
זײַן א גרויסער פּאָעט...
איך בין עס, דײַן ליאָווע בערינסקי,
דײַן מאַלעך, געהיימער אגענט
אף דער ערד.

מע דאַרף אויך אָנווײַזן אף אזא כיסאָרן אין זײַן שאַפונג: ער באניצט איבעריקע ווערטער, ניט שטענדיק געפינט ער דאָס געהעריקע וואָרט, וואָס זאָל פּינקטלעכער פון אנדערע אויסדריקן זײַנע געדאנקען און געפילן.

בא א. בלאָקן אין איינער א ליד לייענען מיר אזא שורע: „אין שאַפע אף די פּאָלקעס דרעמלען ביכער״. מע וואָלט געקאָנט זאָגן „שלאָפן״, נאָר אין דעם פאַל איז פּאַסיקער דאָס וואָרט „דרעמלען״, ווײַל די ביכער קאָן מען אין יעדער צײַט פּאָדערן צו לייענען, טאָרן זיי ניט שלאָפן, איז ביז א צײַט האַלטן זיי אין דרעמלען. בלאָק איז ניט קיין אויסנאַם. פון דער געשיכטע פון דער רוסישער און אויך פון דער יידישער ליטעראַטור ווייסן מיר פון א סאך פאַלן, וואָס זאָגן איידעס, ווי די שרײַבער שלײַפן יעדע שורע, זוכן דאָס נייטיקע וואָרט.

בא בערינסקין טרעפן זיך אָפט אזעלכע שורעס: „הייבט אוף דאָס האַרץ און די אויגן, און הערט״. די אויגן קאָן מען אופהייבן, דאָס האַרץ ניט.

מיר זײַנען שטאַרק, כאַווײַרים, שטאַרק ווי שטיין.
א שטיין קאָן אָבער ליגן אָדער שטיין.
נאָר זיצן זיצט א פויגל אפן פּלויט.

פאַרוואָס „ווי שטיין", אײַזן איז דאָך שטאַרקער און קאָן אויך „ליגן אָדער שטיין", און זיצן אפן פּלויט קאָן ניט בלויז א פויגל, נאָר אויך א קאַץ, א האָן. אגעוו, פייגל זיצן אָפטער אױף די צווײַגן פוןביימער, ווי אױף א פּלויט.

„מענטש, וואָס טויגן דיר צווײ דײַנע הענט, אויב דו פליסט ניט אין הימל?" דאָ זײַנען איבעריק די ווערטער „צווײ" און „דײַנע", און צווייטנס, ניט אַלע מענטשן פליִען אין הימל. הייסט עס, אויב ער פליט ניט, דאַרף ער שוין די הענט ניט האָבן?

„וואָס טויג דיר סײַ דאָס און סײַ יענץ (דאָס הייסט „צווײ דײַנע הענט", יענץ — „דײַן האַרץ").

אזא ניט פאַראַנטוואָרטלעכע באַציִונג צום וואָרט ברענגט צו דעם, אז אין זײַנע לידער באַווײַזן זיך אַזעלכע שורעס:

ס'איז רויטלעך מײַן בלאָווער פּעריאָד,
מײַן רויטער פּעריאָד איז בלוי...

און קלעפּיקער איידער די בלוטיקע מענטשהײַט־געשיכטע,
ווי האָניק און סלינע, געצויגן האָט זיך אונדזער קוש...
ס'איז פאַר קיינעם דאָך אָבער קיין סאָד,
אז ליריק מאָנט קאַשע.

אַזעלכע בײַשפּילן קאָן מען ברענגען ניט ווייניק. פאַרשטענדלעך, אז דער לייענער האָט פון זיי א קליינעם עסטעטישן פאַרגעניגן.

אכוץ די אָנגעוויזענע כעסרוינעס דאַרף מען, מיין איך, אָפּמערקן נאָך איינעם, און עפּשער איז ער דער סאַמע גרעסטער: אין בערינסקיס שאַפונג זײַנען אָפּגעשוואַכט די סאָציאַלע און בירגערלעכע מאָטיוון און דערמיט פאַרלירט זי איר געזעלשאַפטלעכע ווערט.

עפּשער גייען מיר צו זייער שטרענג צו דער באַהאַנדלונג פון בערינסקיס לידער? מיר טוען עס דערפאַר, ווײַל מיר זעען, אז ער האָט אַלע מײַלעס צו זײַן אן עכטער דיכטער: א זאַפטיקע, פּאָשעטע שפּראַך, וואָס דערנעענטערט זיך מאַמעש צו פאָלקסטימלעכקײַט, ווייכער הומאָר, איראָניע, א רײַכע פאַנטאַזיע. ווען ער זאָגט זיך אָפּ פון „זײַן ניט ענלעך אױף אַנדערע", פון זײַן נאָוואַטאָרישקײַט, פון זײַנע „קינסטלערישע דריידלעך", פון דער היפּערבאָלישער מעטאַפאָרישקײַט, באַקומען זיך בא אים גאָר אַנדערע לידער, עכטע פּאָעזיע. צום בײַשפּיל: „א טאַמעוואַטע ייִד", „אזקאָרע", „אױף דער דעליאַנקע, ווו מע האָט געהאַקט דעם וואַלד", „ליבע", „מיר בענקען נאָך קינדהײַט און שאָלעם",

„דער ערשטער דונער", „פארן שניי", „יובליי". פּאַשעטע, פארשטענדלעכע לי־דער, פיינע פּאָעטישע בילדער, וואָס דערגייען צום געדאנק און צום הארצן און רופן ארויס באם לייענער ענלעכע אסאָציאַציעס, וואָס גיבן א געוויסע שפּיין פאר זיך פארטראכטן, עס הערן זיך נייע ריטמען, נייע קלאַנגען.

מיר וועלן ברענגען פאר א ביישפּיל די ליד „ליבע":

— וווהין גייען מיר איצטער?
— צום בלויען יאם.
— ס'איז פאראן דען א יאם אין דער געגנט?
— מיסטאם...
— עפּעס שיינט אינדערוויטן...
— מיר דאכט זיך, א וואלד.
— א מין וועלדל פון שטראלן?
— באלד קומען מיר, באלד...
— יאָ, און דאָרט, אינעם הימל?
— א צייטיקע רויז.
— וועלכע וואקסט פון די קאָסמישע זאמדן ארויס?
— וועלכע פורעמט מיין הארץ, נאָר זי היילט ניט די וווּנד,
און זי לאָזט ניט, אז גיין זאָל די ליבע צו גרונט.

אכוץ דעם, וואָס די ליד איז מיט איר פּאַשעטקייט און נאטירלעכקייט צו־געגלעך פאר דעם מענטשלעכן פארשטאנד, ווייעט פון איר מיט לויטערקייט, ליכטיקייט, וואַרעמקייט, זי איז ווונדערלעך מוזיקאַליש, מע קאָן זי גרינג פאר־געדענקען. זי געהערט צו יענעם מין לידער, וואָס גיבן דאָס רעכט צו ריידן וועגן דער גרויסער צוציִונגס־קראַפט פון עכטער פּאָעזיע.

ניט ערגער פון דער ליד „ליבע" זיינען די לידער „אזקאָרע" און „אַף דער דעליאנקע, ווו מע האָט געהאקט דעם וואלד". אין דער ליד „אַף דער דעליאנ־קע..." ווערט געשילדערט די צייט פון פאשיסטישער אָקופּאציע. אלע מענטשן זיינען זיך צעפאָרן, ס'איז געבליבן נאָר דער אלטער אווראָם און די קאץ „מאַ־רוכא":

דער אלטער איז געבליבן אליין אַף דער וועלט,
און ס'איז גאָר ניט קיין וועלט, ווי סע פלעגט זיין אמאָליקע יאָרן,
קוקט ער ווידער אין פענצטער ארויס, זעט ניט קיינעם און קוועלט:
— שיינע זאכן, מארוכא, דער אוילעם איז זיך צעפאָרן.

ווי מיר זעען, האָט זיך אין אָט די צוויי ציטירטע לידער בערינסקי אָפּגע־זאָגט פון קאָמפּליצירטער מעטאפאָרישקייט. אזעלכע לידער פארברייטערן אונד־זער פאָרשטעלונג וועגן די מעגלעכקייטן פון בערינסקיס דיכטונג. ער האָט דערווייל געשטעלט די ערשטע טריט אין א געוווּנטשענער ריכטונג. לאָמיר האָפן, אז ער וועט זיך אַף דעם ניט אָפּשטעלן, און דאן וועט ער געוויס אריינ־טראָגן אין דער יידישער סאָוועטישער דיכטונג א באַזונדיק, וואָגיק וואָרט.

Владимир ЦЫБИН

РАСКРЫТЫЕ СТВОРЫ МЕТАФОР

(заметки переводчика)

Лев Беринский, прежде писавший по-русски, в последнее время сосредоточил свою поэтическую волю и выражает ее на языке идиш. Я много лет переводил с этого языка (стихи О. Дриза, М. Грубияна, А. Вергелиса) и представляю себе значение и место Льва Беринского в этой языковой культуре. Он — один из лучших сегодня еврейских поэтов.

Стих его многослоен и по смыслу, и по метафорическим напластованиям: «Трехсотместный небесный лайнер упал на поляну. Ни движения вокруг, ни шороха, ни дыхания. Лишь постепенно, понемногу, со светлым вздохом и стоном стали подниматься между цветами и сходиться к груде обломков души, которые из осколков мотора и остатков дюраля в траве — сообразили этакий летательный аппарат и в небо пустились на нем, через поля, реки и горы...» (подстрочный перевод).

Это похоже на путь по сильно пересеченной местности. Поэт не желает идти привычной дорогой (где, ясно, уже нет поэзии), а идет нехоженными для нас, читателей, стезями. Вот почему к его стихам трудно «привыкать». Они необычны — и по мысли, и по композиции.

Створы его метафор раскрыты настежь. В них дышат, причудливо переплетаясь, сложные ассоциации слов, понятий, суждений. Слова толпятся в строфе, создается впечатление, что они мешают друг другу. Но у них нет

выбора — нет возможности выйти из этой давки, настолько они притянуты одно к другому. Сам же поэт, судя по всему, не «помогает» им. Он не делает отсева, не делит мысли, чувства, детали на главные и второстепенные. Он сам включен в лирический поток. Цепочка привычных стиховорных строк нарушена — перед нами многоликая толпа подробностей, вещей и явлений:

Лесное ли или садовое это дерево? — Это дерево, с которого
свисает утром апельсин,
днем — четыре черешенки,
и семь диких, как шишки, свечек — под ночь.

(Подстрочный перевод)

Вот и все стихотворение, которое названо поэтом «В ночь». Это — первый план, но видишь второй, третий, и где-то в глубине: семисвечье, менора, символ многих тысячелетий. Такая многоплановость, наслоенность нескольких смыслов и предопределяет силу и значение стихов Льва Беринского. Он чувствует мир, как бы растворяясь в нем. Не столько даже чувствами, сколько кожей.

Иногда, правда, создается впечатление настроенности на усложненность, на необычность. Метафора в таких случаях — как факт чуда — не зарождается, похоже, в недрах замысла, не вырастает из зерна первоначального сюжета, а привносится со стороны. Вместо прорастания — прививка! Но ведь и путь в нашей советской поэзии, избранный Львом Беринским — необычный, экспериментальный глубинно, на уровне более глубоком, чем стилистический, авангардно-словесный (лично мне вспоминаются Шершневич и Ширман). Однако в таких стихотворениях, как «Семка», «Ботанические студии», «Римский кинематограф» и многие другие, автор умеет — здесь ему это необходимо!— сорганизоваться вокруг первоначальной сюжетной мысли: поток не поглощается пространством, а образует сильное лирическое

течение, удерживаемое руслом. Метафора становится мыслью, обретая грани:

Здесь — от моря и до моря — протягивается пласт
красных углей
с пустотелыми формами птиц и людей — наполненных
розовым воздухом.
С черной каплей у окаменевшей воды.

Мы, к сожалению, все еще мало знаем поэзию современного Запада, да и то, что знаем — «накладываем» на сетку традиционной культуры стиха, определяя значимость того или другого поэтического явления по нашей «домашней» шкале ценностей. И тогда то, что, например, у Э. Паунда привычно, у нас — нечто чрезвычайное, из ряда вон выходящее. Мы вообще должны сломить в себе предубеждение к верлибру. У него — свои задачи, свой путь, свои жизненные пласты, он ничего не отменяет, он — только углубляет и расширяет стороны жизни. Его экспрессионизм, только какой-то странно летучий, хорошо почувствовал Лев Беринский:

Дерево стояло над домом так высоко,
что горящая в небе дуга — путь идущего солнца —
висела над нижними ветками, плавя лазурь.
Осень слетела багряным листом
и укрыла увядшими, сладко поникнувшими краями
островерхую крышу и дверь, и четыре окна,
так что в доме установилась
биосфера такая,
среда,
в которой — один за другим, по возрасту — мы становились
как муравьи, меньше, чем муравей...

(Перевод автора)

Вот вам современная интерпретация древнего библейского сна Иакова — «лестницы в небо». Цитаты-фрагменты, подобные приведенному,— не очень, может быть, и «срабатывают»: эти стихи не делятся на отдельные мысли, картины, сюжеты — они слиянны тесно и

неотличимо, как кровеносные сосуды. Такие стихи надо слушать в очень замедленном, интонационном чтении. Это стихи не для глаз, а для слуха (этим как бы возвращается первоначальность всегда произносимого стиха).

Есть у Льва Беринского и стихи, слишком уж, на мой взгляд, зашифрованные, «с ручками» ушедшие на дно метафоры. Одно из них, для примера,— «Попытка утопиться и воскресение из мертвых», описывающее, как пожарники «с гофрированными кишками» откачивают утопленника с вытатуированным на груди женским именем Светлана... В ряду таких стихотворений и «Разговор с белым призраком, в начале мая, об обратной связи и подобных вещах», но вот, скажем, той же образной природы «Вечное шоу» оказалось мне близким, и я его перевел:

Марш фюнэбр. Интервидение. Скорбное шоу.
Все как положено: пышные розы, горючие слезы,
белый, в стиле ампир, катафалк, и балконы,
переполненные людьми, возбужденные толпы
и снующие псы и коты. Везут Саваофа.
На щеках омертвелых — румяна. Весь набит формалином,
набальзамирован и прекрасен, как греза
в цветном телевизоре, что грохочет, как гром,
в комнатенке
час с лишним, с тех пор, как жилец из лимитчиков,
глянув
в окно, увидал первый протуберанец процессии — и,
как ослепший вдоль стены, не спуская с экрана счастливого
взора
и уже различая себя самого на проспекте, входящего в шоу,—
ушел.
А шоу тянулось вдоль улиц и ввысь — в разноцветные волны
эфира с тремя вертолетами, девятью в небесах телекамерами
и ретранслятором вставшей Луны, подающей сигналы.
И ни один мавзолей среди звезд, ни один во Вселенной
погост,
ни один крематорий на земле и вокруг, ни могила,
ни ров, ни пещера —
о, вечное шоу! — принять не желали его.

Стихотворение это было написано в 1982 году, что для меня как для переводчика важно: и здесь, и в других стихах Льва Беринского «первоначальный импульс» — содержательный или эстетический — всегда самостоятелен, поэт не подвержен направлению и силе поветрий. Вот почему, я думаю, для лириков-традиционалистов, которых, по понятным причинам, большинство в современной идишистской поэзии, он — дерзкий авангардист, так же, как для сегодняшних русских стихотворцев-авангардистов (которые знают, а некоторые и переводят его) он — мало «метафоричен». Все верно: поэт идет своим путем.

Мне переводить стихи Льва Беринского интересно, не всегда это дается просто, но всякий раз с ощущением, что делом занимаешься нужным, осмысленным и культурно-масштабным.

●

ГРУППА «ИДИШ» НА ВЫСШИХ ЛИТЕРАТУРНЫХ КУРСАХ

На Высших литературных курсах при Литературном институте им. А. М. Горького в Москве начались с сентября 1989 года занятия по специальности «Еврейский язык» и «Еврейская литература».

В группе «Идиш» занимаются 10 слушателей из Москвы, Челябинска, Кишинёва, Биробиджана. Изучаются языки идиш и иврит, история еврейской литературы, история еврейского народа, евреев в России и СССР, еврейской философии, религии и традиции. Учебная программа включает и другие филологические и гуманитарные дисциплины.

Курс обучения рассчитан на два года.

שירע גאָרשמאַן

אין קונסט מוז זײַן עמעס

דעם מענטשן אין מיר — אים וועט דען
קויעך קלעקן
אַף אופצודעקן זיך ביז סאַמע גרונט:
ווי אַ באַהעלטעניש — אַף צו אַנטפּלעקן,
אַ טונקלקייט — ס׳זאָל ווערן העל באַזונט.

שמועל האַלקין

בײַס איך האָב מיט אַ פּאָר יאָר צוריק איבערגעלייענט אין „סאָוועטיש היימלאַנד“, נומער זיבן, געגנאַדי עסטרייכס „מאַטראַץ“ און אַנדערע דערציילונגען, האָט מיך באַשאַלט אַ פרייד — ס׳איז צוגעקומען אַ שרײַבער, וואָס האָט אָנגעצילט זײַנע האַרמאַטן אין סאַמע פּיליסטעריזם. נעמלעך, וואָס לאָזט עס אונדז הערן? דער פּעטער באַגעגנט דעם פּלימעניק מיט גרויס פרייד: „מיר האָבן געקויפט אַ נײַעם גאַרניטור, גיב נאָר אַ קוק, וואָס פאַר אַ שיינקייט!“ דער פּלימעניק איז, דער „געקאָנטשעטער“ ספּעציאַליסט, דריקט דערווײַל ניט אויס קיין צופרידנקייט פון דער ליכטיקער בסורע, נאָר דער פּעטער מאָטל און די מומע זײַנען אַזוי אויפגעריכט מיטן גאַרניטור, אַז זיי פאַרקויפן אַרענען דעם מאַטראַץ, און ער נעמט די מעציע, ער פּרוּווט אַפילו אָפּהאַקן די פיסלעך, נאָר זיי זײַנען צוגעקלאַפּט מיט אַזעלכע גרויסע טשוועקעס, דערצו נאָך מיט פאַרבויגענע שפּיצן, אַזוי אַז פאַר אַ האַלבער שאָ האָבן „אַרן און סערגיי קוים אָפּגעבראָכן איין פיסל. דאָס צעקאַליעטשעטע פיסל האָט אַרן אַרײַנגעלייגט אין קעשענע“. דעם מאַטראַץ האָט אַרן מיט די לעצטע קויכעס דערשלעפּט צום טראַמוויי און טאַקע אים אַרײַנגעשלעפּט אַהין, נאָר ס׳פאַלט מיט דער פוטער אַראָפּ, דער קאָנטראָליאָר מעשאַלייעכט אַרויס איינעם מיט אַרענען דעם מאַטראַץ, אָבער ניט געקוקט אַף דעם, העלפט ער אַרענען אַרויסשלעפּן דעם געוועזענעם געלעגער. דערנאָך האָט אַרן געלאָזט ליגן די מאַטאָנע אַפן מיסט.

דאָס איז שווער איבערצושאצן. אויב ס'זאָל כאָלילע טרעפן, אז א סאך שטאָטלײַט וואַרפן אין א שיינעם טאָג ארויס אלע אומנוציקע זאכן, וואָס זײַנען צעשטאָפּט אין זייערע דירעס, איז שווער זיך פאָרצושטעלן, וואָס פאר א כאאָס ס'וואָלט געשען מיטן טראנספּאָרט.

מיר זאָלן אלע אזוי זײַן געזונט, ווי ס'וואָלט זיך געוואָלט ארויסכאפּן ג. עסטרײַכס אלע „שענסטע באפליגלטע" ווערטער, ווי, צום בײַשפּיל: „אונטער־געררעכנט", „אונטערגעפירט", „כאסענע געהאט פאר איר", „ארויסגאנג־אָנצוג", „שפּליטערס פון א טעלער" אָנשטאָט שערבלעך, „ארויספירן א ניגן". מע וואָלט געקאָנט מער ציטירן, אָבער מיר מיינען, אז די צײַט און ווײַטערדיקע ארבעט וועט דאָס טאָן ניט שלעכט. „אין די אלטע אָפּגעריבענע טרעפּ פעלט אויך ניט קיין שפּילקעס. יורע פאָרט אף זײַן טאטנס לעווײַע. זײַן ווײַב ליובע באטראכט ניכטער, די רײַזע וועט קאָסטן: „בילעטן, א קראנץ, עפּעס פון מאָסקווער פּראָ־דוקטן, א פּאָר נײַע דזשינסן פאר מארינען זײַנען בילכער, אָדער פּאָשעט אָפּלייגן דאָס געלט אף זומער", אָבער ביז א מאכלויקעס דערגייט דאָס ניט. פארוואָס? ווײַל ליובע איז אן אויסגערעכנטער קאלטער לונג־און־לעבער. „פריער מיטן סייכל, דערנאָך מיטן הארצן איז זי אריין אין דער ראָליע פון אן איבערגעגע־בענער ווײַב. ס'לאָזט זיך טראכטן, אז דער סייכל האָט אן איבערוואָג בענעגייע דעם הארץ". די לעווײַע, ארום דער לעווײַע איז גאנץ שיין־ריידנדיק אויסגע־מאָלט, כאָטש בייס ארן האָט דערזען דעם שמייכל אפן טאטנס טויטן פּאָנעם איז ער ארויסגעלאָפן פון שטוב און, וויינענדיק, זיך צוגעזעצט אין הויף אף א באנק.

עסטרײַך שרײַבט „וויינענדיק", נאָר מיר צווייפלען אין דער אופריכטיקײַט פון יורעס טרערן, ווײַל ווען יורע וואָלט געווען פרײַ פון קליינבירגערלעכקײַט, וואָלט דען ליובע געקאָנט זײַן זײַן ווײַב?..

„צוריק אין מאָסקווע איז יורע געפאָרן אינאיינעם מיט דער מאמען, ווײַל זי האָט געזאָגט, אז זי וועט אין דער זעלבער דירע ניט בלײַבן".

מע וואָלט דאָ געקאָנט ציטירן נאָך נײַגעריקפולע פּראָטים, נאָר זאָל מען זיך לערנען יידיש, אויסשרײַבן „סאָוועטיש היימלאנד" און מיט די אייגענע אויגן לייענען עסטרײַכן, ווײַל געגנאדי עסטרײַך איז באגנעדיקט מיט אויגן, וואָס זעען, מיט אויערן, וואָס הערן, מיט א מויעך, וואָס האָט א געראַמען ווינקל פאר הומאָר, מיט אן איידעלער נעשאָמע.

די, וועלכע זײַנען אוועק אין שאָטן־קיניגרײַך, זײַנען ניטאָ, זייער אָנדענק זאָל לויכטן, אָבער מיר, די לעבעדיקע, געדענקען זיי. מיר געדענקען ניט נאָר זיי, אומפארגעסלעך זײַנען אונדזערע היימען, ווו מיר זײַנען געבוירן געוואָרן. דעריבער פּאָרט עסטרײַכס „קאָמיסאר" אין קאָלאָניע, ער גיט דעם פּאָטשט־פּור־מאן שימענען א רובל. שימען איז ניט לאָהוט נאָכן באנקנאָט, ער שטויסט עס אויספירלעך אָפּ: „ס'איז א מעלוכישע בעדארקע, דערפאר האלט דעם רובל בא

זיך". דערנאָך זיצט דער „קאָמיסאר" אין דער בעדארקע און מע שמועסט. ווײַזט זיך ארויס, אז דער „קאָמיסאר" האָט א ברודער אין קאָלאָניע, און שימען, וואָס פירט די פּאָטשט, רופט אויס פארוווּנדערט: „ווי קאָן איך ניט וויסן, ווער דער כאַווער גאָלאָדנער איז, ער איז דאָך בא אונדז דירעקטאָר פון שול". דער „קאָמיסאר" איז זיך מיסוואדע: „איך האָב מײַן ברודער ניט געזען אכט יאָר, ער איז אוועקגעפאָרן אהער גלײַך נאָכן ענדיקן דעם אינסטיטוט". אזוי און ניט אנדערש. מע פארגעסט ניט די היים, און ס'איז מאמעש א וווּנדער, ווי גענאַדי עסטרײַכס זיקאָרן האָט עס אָפּגעהיט ביז „סאָוועטיש היימלאנד".

אין „סאָוועטיש היימלאנד" נומער זיבן פארן 1987 זײַנען פארעפנטלעכט ג. עסטרײַכס „די רויטע באַלקע", „אין דער צווייטער העלפט טאָג", „שוין לאנג צוריק" און „אָפּרו". אין די דערציילונגען איז שוין ווינציקער אומבאהאָלפנקײַט. די צײַט און די ארבעט האָט געבראכט נוץ עסטרײַכן אף אזויפיל, אז מיר האָבן געדארפט אויסמײַדן א סאקאָנע, קעדיי צו זײַן ניט נארישער פון אים, און די סאקאָנע איז געווען גאנץ גרויס...

ג. עסטרײַכס „די מיטלשפּיל" ברענגט אונדז א כשאד, אז דער מעכאבער גופע פון דער דערציילונג איז געשטאנען צווישן די לעש־באלאָנען... טרעפלע־כער הומאָר איז דאָ ניט קיין גאסט. פאר אן עכטן שרײַבער זײַנען ניטאָ קיין צווייטראנגיקע פּראָטים, יעדער פּראט אנטפּלעקט און זאָגט אונטער כאראקטער־שטריכן. דאָס איז א קלאָרע זאך, און אין אָט דעם קורצן ארטיקל איז אומעגלעך דאָס צו באשטעטיקן מיט ציטאטן. אין „סאנדאָמירסקיס קאריערע" לייענען מיר אזעלכע ווערטער: „נאָך דעם, ווי דער ערשטער יאָרצענדליק פון לײַדנשאפט־לעכע נעכט האָט זיי ניט געבראכט קיין קינדער, זײַנען דורכגעגאנגען עטלעכע יאָר פון א פּײַנלעכן פארדראָס, וואָס האָט זיך ביסלעכווײַז אויסגעוועפּט און האָט אָפּגעטראָטן דאָס אָרט דער אויסמאטערנדיקער שלאָפלאָזיקײַט. די פארפּא־מעלעכטע באנאכטיקע שאָען פלעגן מאן און ווײַב פארברענגען אין לייענען, יעדערער מיט זײַן סטיכיי פון ווערטער און געפילן". דאָ זײַנען פאראן נאָך א סאך פּראָטים: וויאזוי צום פופציקיאָריקן יובילײ האָט איינער א פלאנאָוויק געשענקט סאנדאָמירסקין עטלעכע בענדער פויכטוואנגערס ווערק. אין איינעם אן אינדערפרי, ווען אין קאבינעט איז ארײַנגעגאנגען סאנדאָמירסקיס קאדראָ־וויק, האָט ער צו אים געזאָגט: „גייט, זוכט דאָרטן אונטער פאר אונדז עפּעס א יוד זיוס". „א יידן? — האָט דער קאדראָוויק איבערגעפרעגט, וואָס אזוינס פלעג ער זיך דערלויבן באזונדערס זעלטן. „און איר מיינט, אז זיוס קאָן זײַן אן עסקימאָס?"

מיר האָבן אויבן געזאָגט, אז מיר וועלן ניט ניצן קיין ציטאטן, און אזוי וועלן מיר טאקע טאָן, אָבער מיר ווונדערן זיך פונדעסטוועגן, ווי בא אזא רייצנדיקער יונגט לאָזט עסטרײַך נישט דורך ניט די „באנאנען־פלידערן", ניט

די גרויסארטיקע נאכט־העמדער, וואָס איינע א פרוי שאפט זיך איַין און לאָזט ארויס פון זינען, אז זי באזיצט אזוינס, אָן וואָס איר מאן וועט זיך ניט באגיין אָן די נאכט־העמדער.

זאָלן אמעראצישע פלאך־קעפּ ניט מײנען, אז קונסט קומט דורך אומדערווארטער באגײַסטערונג, זי קומט לויט אויסגעפּרוווטע באדאכטע וועגן און איז באקרוינט מיט די העכסטע צילן.

וואָס זשע איז די אונטערשטע שורע? ס'איז קנאפּ געווען אזוינע טענער אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור. ניט בלויז עסטרײַך, נאָר די אנדערע יונגע, וועלכע ווערן פארייניקט אין זיבעטן נומער, האָבן ארײַנגעטראָגן נײַע טענער. פארגינט זיך פארטײַעטן שפּאָט און א קלוגן געלעכטער צווישן די באציִונגען בא די וויסנשאפט־טוער, וועלכע טוען אָן אָפט ערנסטע גרימאסן...

א באדאכטער שרײַבער, ווי זײַן לערער זאָל אים ניט זאָגן גיכער, וועט זיך ניט אײַלן, ער וועט באזיגן אויסדויער, ער וועט האָבן געדולד, ביז ער וועט דערזען אן ערשטן בוך. באדאכטקײַט, ווי זיקאָרן, זײַנען קימאט די הויפּטשטריכן פון באגאבונגען. „די רוימישע כאכאָמים זאָגן: פעסטינע לענטע — אײַל זיך פּאמעלעך". מיר, ייִדן, זאָגן — „פון אײַלעניש קומט קיין גוטס ניט ארויס".

איז טאקע גוט באדאכט, פּאוואָליטשקע, אזוי טוט טאקע גענאדי עסטרײַך. מיר מיינען, אז זײַן געצוימטקײַט פירט צו ייִצכאָק־לייבוש פּערעצן. מיר ווינטשן אים, ער זאָל טאקע ארײַנקוקן אהין אָפט, ער האָט גענוג: גראציִע, סייכל, וועלטלעכקײַט, מיר וואָלטן געזאָגט אפילע — ייִדישע קאָרעקטקײַט. דאָס איז האָפענונגספול. מיר גלייבן, ווען ס'וועט ארײַנפלייצן פון דער פולער האנט אין עסטרײַכס פּראזע מאמע־לאָשן, וועט עס זײַן זייער וויכטיק נאכעסדיק, זאָל טאקע אזוי זײַן — אָמיין!

„יונגוואלד״ — דער זשורנאל פאר יונגע ארבעטער, אויסגאבע פונעם צענטראל־קאָמיטעט פונעם רוסלענדישן קאָמוניסטישן יוגנט־פארבאנד, וועלכער איז דערשינען אין די יאָרן 1923—1928 (דער לעצטער נומער איז ארויסגעגעבן געוואָרן אין מארט 1928), האָט פיל אופגעטאָן אף צו קאָנסאָלידירן די יונגע שעפערישע קויכעס. באם זשורנאל האָט עקזיסטירט א ספּעציעלע קאָנסולטאציע־ביוראָ אין באשטאנד פון מ. ליטוואקאָוו, י. בראָנשטיין, ד. מאָנין, אי. קאָוונער און י. ראבין, וועלכע האָט סיסטעמאטיש אונטערגעהאלטן אן ענגע פארבינדונג מיט די שרייבער־אָנפאנגער, זיי ארויסגעוויזן הילף אין דער שאפונג.

דער זשורנאל האָט איינגעפירט א רובריק „ערשטע טריט״, וווּ עס האָבן זיך געדרוקט ווערק פון די יונגע שרייבער. מיר גיבן דאָ אן אָפּקלייב פון אייניקע לידער, וועלכע זיינען געווען פארעפנט־לעכט אין „יונגוואלד״. צווישן די אווטאָרן געפינט זיך אייזיק הובערמאן, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן איינער פון די אָנגעזעענע דיכטער און דראמאטורגן און האָט איבערגעלאָזט זיין שפּור אין דער יידישער סאָוועטישער ליטעראטור.

ל. באָקסער

א גרוס

א גרוס דיר, מיין הויפּט־שטאָט, פון ווייטער אוקראינע,
פון שווארצער פּאָדאָליע, פארוואקסענעם בוג.
ווען איך בין געפאָרן אין טיפעניש דיינער —
האָט היימלאָזער קאָליע אזוי מיר געזאָגט:

— דו פאָרסט אין דער טיף פון מיין הארצן,
דו פארסט צו דער מאמע־ראסיי.
טאָ וואורף אמאָל אָנעט אף ווייסן מיט שווארצן,
ווי לעבט דאָרט מיין טייערע היים?..

כ'האָב קיינמאָל קיין מאמען געהאט,
און קיינמאָל קיין היים ניט געקענט,
קיינמאָל ניט, קיינמאָל געגעסן צו זאט,
נאָר געוואקסן א שווארצער פארברענט.

געוואקסן א שווארצער פארברענטער
אף נאקעטן הייסן אספאלט.
ניט איינמאָל אזוי אין א ווינטער
האָב איך פלוצעם דערשפירט, אז ס'איז קאלט.

האָב איך צעלייגט זיך א שייַטער,
געגאנוועטן שטרוי פונעם מארק...
וואָס דארף איך דערציילן דיר ווייַטער,
האָסט געזען און געהערט שוין ניט קארג?!..

כ'האָב געהאסט די געיידלטע גאסן,
און ליב געהאט דעם גרויסן האמוין...
נאָר איך האָב די הויפט־שטאָט פארלאָזן
און געפאָרן אף ארבעט — אף לוין...

איצט ליב איך, ווי זאנגען אין וואקסן
(פון זאנגען וועט זייַן צו זאט ברויט),
ווו אף כורוועס געהויקערטע אקסלען...
ווערן הייַזער־פאבריקן געבויט...

כ'וועל נאָך קומען צו דיר אמאָל, מאָסקווע,
ס'וועט מייַן אויג נאָך באנעמען דייַן מארק,
נאָר וועסט מיך קיינמאָל ניט זען מער קיין גאס־קינד
אף דייַן נאקעט־אספאלטענעם קארק!..

א. שפּאַצין־וואַלאַוואַי

מײַן שטעטל

מײַן שטעטל — צעװאָרפן אַף װעגן,
אַף זילבערנע װעגן פון זאַמד,
הײַזלעך — מיט אַלטן פאַרמעגן
װי הױקערס, װי בעטלערס אין לאַנד.

פאַראַנען א מאַרק־פּלאַץ מיט קלײטן
מיט אײַזערנע גראַטעס פאַרקלעמט.
פון אַמאָליקע גאָלדענע גליקן
פאַרבליבן נאָר לײדיקע װענט.

ניטאָ שױן אַמאָליקע יאָרן,
די זײַדענע רו איז צעשטערט,
װער קען אין טעג אין אַזױנע
אָן שמײכל דערמאָנען אײַך, װענט.

דערפאַר, װען עס לעשן זיך פלאַמען
און ס'שפּרײטן זיך שאָטנס אַף ערד, —
װערן שליאַכן פאַרהעלט אין געזאַנגען
פון העלע און דרײסטיקע טעג.

יאשע ראווינסקי

ראדיאָ

פון טיפע ווייטקייטן, פון סוידעסדיקן ערגעץ,
פון מאָסקווע רויטער, נאָענטער און אייגענער
שווימען כוואַליעכלעך אף שטעט און דערפלעך,
קומען צו אנטענעס און צעהענגען זיך.

ערגעץ אין א צווישנפעלד א דערפעלע זיך טוליעט
אין פינצטער נאכטישער פון טאנצנדיקע ווינטן,
אין „סעלבוד" איז אוילעם פויערשער איצט רויִק.
אוילעם פויערשער איז איצט פארגאפט ווי קינדער.

אויגן פויערשע צו גלאָצן זיך אף שווארצן טרייבל
פונוואנען קלאנגען גיסן זיך — אינטערנאציאָנאל.
— ס׳איז מאָסקווע מיט מאָסקווער קרעמל...
און ס׳ווערט פארהארטעוועט די רויִקייט אין זאל.

א קעסטל א פירקאנטיקס מיט שווארצע טרייבלעך אויערן.
מיט דראָטן און אנטענעס איבער דאך,
ס׳איז די ראדיאָ פון ארבעטער און פויערים —
אונדזער ראדיאָ, וואָס רעדט אף אונדזער שפראך.

איַיזיק הובערמאַן

ווינט

פאַרוואָס זאָל האַרץ ניט וועלן רוען,
ווען ווינט פאַרפירט אַ שפּיל מיט מײַנע האָר?
מײַן אומרו קען שוין דאַן ניט רוען
און איך מיט ווינט — אַ פּאָר!

ווען ווינט צעטאַנצט און וויגט זיך ווי אויף וויגן,
סוידעט זיך מיט קלענסטן מײַנעם גליד,
ווײַל מײַן האַרץ אַ שטילס ניט ליגן
און וואַרפט אַרויס אַ נײַע ליד.

ווײַל ווינט צעבושעוועטער קריכט אין יעדן אייוועך,
דערמאָנט אַ קלאַנג פון פריערדיקע טעג,
ווי פריער ווילט זיך מיר פּלאָנטערן און לויפן
און נײַע לידער שטייען שוין אין וועג.

אונדזער כרעסטאָמאַטיע

- ייִצחאָק־לייבוש פּערעץ
- אָשער שוואַרצמאַן
- שאָלעם אַש

ИЦХОК-ЛЕЙБУШ ПЕРЕЦ
(1852—1915)

Классик еврейской литературы И.-Л. Перец родился в г. Замостье, недалеко от Люблина (Польша) в небогатой семье торговца. В детстве получил традиционное образование, затем занимался углубленным изучением древнееврейского, немецкого, русского языков.

Как было принято в то время, Перец рано женился. Он попытался заняться коммерцией, но его постигла неудача, и он был вынужден покинуть родной город и отправился в Варшаву, где в 1876—1877 годах препода-

вал древнееврейский язык. В это время он и начал писать стихи на древнееврейском языке. В 1877 в соавторстве со своим тестем выпустил книгу стихотворений и поэм.

После двух лет пребывания в Варшаве Перец вернулся в Замостье, где сдал экзамен на адвоката. В течение последующих десяти лет занимался адвокатской практикой и приобрел в этой области широкую известность. Много писал на иврите и на языке идиш, но ничего не публиковал. Впоследствии уничтожил почти все написанное в этот период. Лишь отдельные стихотворения, ставшие популярными песнями, остались в памяти его земляков.

В 1886 году Перец снова переехал в Варшаву и начал публиковать свои произведения на иврите в периодических изданиях. Лишь в 1888 году он узнал о литературной деятельности Шолом-Алейхема и вступил с ним в переписку. В этом же году он послал для публикации в издаваемой Шолом-Алейхемом «Народной библиотеке» свою балладу «Мониш», написанную на идиш.

В 1889 году Перец по обвинению в революционной пропаганде был лишен права заниматься адвокатской практикой. После этого он принимал участие в статистических экспедициях по изучению условий жизни еврейского населения, много путешествовал по местечкам Польши. В 1891 году он начал издавать «Еврейскую библиотеку» на идиш, вокруг которой группировались молодые писатели — Шолом Аш, И.-М. Вайсенберг, Менахем Борейшо и др. Наряду с произведениями художественной литературы издавал также научно-популярные книги, переводы с европейских языков.

В 90-е годы Перец участвует в социалистическом ра-

бочем движении. Он стал одним из активных сотрудников радикального издания «Праздничные листки», выходившем к еврейским религиозным праздникам (таким образом издатели стремились обойти запрет на периодические издания на идиш, действовавший в то время в России). Вместе с тем Перец продолжал писать на иврите. Книга его любовных стихотворений на этом языке, вышедшая в 1894 году, вызвала бурную реакцию среди читателей. Перец резко критиковал многие религиозные обычаи и еврейскую «аристократию». В 1899 году он был арестован и провел два месяца в тюрьме.

Новый период в творчестве писателя начался с открытием еженедельника «Дер Юд» («Еврей»), где Перец напечатал многие рассказы и новеллы. В это время он отходит от политической деятельности и сосредоточивается на художественном творчестве. Писатель обращается к романтическому изображению народной жизни, пишет циклы хасидских и народных историй. В это время он пишет ставшие знаменитыми рассказы «Если еще не выше», «Превращение мелодии» «Между двух гор» и др., а также стихотворения и драмы (наиболее известна его пьеса «Ночь на старом рынке»).

И.-Л. Перец был одной из центральных творческих фигур в еврейской культурной среде начала XX века. Вокруг него собирались молодые писатели, он пользовался всеобщим уважением. В числе вдохновителей движения за признание равноправия языка идиш он в 1908 году принимает активное участие в Черновицкой конференции, признавшей идиш языком еврейского народа и поставившей задачу всестороннего развития литературы на этом языке. Перец также активно занимался делами еврейской общины Варшавы, по его инициативе в 1915 году была открыта школа с преподаванием на идиш.

И.-Л. Перец умер в 1915 году и похоронен на Еврейском кладбище в Варшаве.



יִצחָק־לייבוש פּערעץ

א גילגל[1] פון א ניגן[2]

— א טאלנער[3] ניגן ווילט איר?

דאכט זיך, אין פלוג, א קלייניקייט — נעמען א ניגן פון א טאלנער שאלעשסודעס[4] און נאָכזינגען! עס איז אָבער נישט אזוי, ווי עס דאכט זיך!

דער טאלנער ניגן מוז געזונגען ווערן בעררויוו אם[5], כעווררע[6] מוז אים זינגען!

אונטערהעלפן ווילט איר? ניין, ברידער! מיט דער הילף פון פוילישע כסידים[7] זינגט זיך נישט קיין טאלנער ניגן!

---

1 גילגל [גילגול] — превращение, перерождение
2 ניגן [ניגון] — мелодия, напев
3 טאלנער — от названия местечка Тальное на Украине, где жил известный хасидский ребе
4 שאלעשסודעס [שלוש סעודות] — последняя из трех традиционных субботних трапез, за которой принято рассказывать поучительные истории и петь в компании
5 בעררויוו אם [ברוב עם] — в компании
6 כעוורע [חברה] — общество
7 פוילישע כסידים [חסידים] — польские хасиды (*зд.* — в противоположность украинским)

איר האָט גאָר קיין האסאָגע[8], קיין יעדיִע[9] אין נעגינע[10]!
איך הער דאָך אײַערע קלעזמאָרים[11], אײַערע כאזאָנים[12]! עס גרימפּלט[13] זיך, נישט עס שפּילט, און באַם זינגען רײַסט איר אײַך ווי געקוילעטע הענער! אפּילע די סינײַ־ניגונים[14] קומען בא אײַך ארויס מעשונע־ווילד[15]... און אײַערע מארשן, אײַערע קאָזאקלעך? זיי זײַנען נאָך ווילדער ווי אײַערע טנועס[16] און האווײַעס[17]! איר זאָגט, עס איז כסידעס!.. בא אונדז זײַנען אנדערע כסידים!..

פונוואנען מיר האָבן נעגינע? עפשער קומט עס שוין בעירושע[18] און עפשער ליגט עס אין דער געגנט!

אין אונדזער קיִעווער געגנט איז ניטאָ איין באַיִס[19] אָן א פידעלע!

א באלעבאטיש קינד[20], אָדער, ווי מע זאָגט אין יענע קאנטן: א טאטנס א קינד, מוז האָבן א פידעלע, מוז קענען שפּילן...

איר ווילט וויסן, וויפל מאנסלײַט[21] עס געהערן צו א

8	האסאָגע [הסגה]	предположение
9	יעדיִע [ידיעה]	*зд.* понятие, идея, известие
10	נעגינע [נגינה]	напев
11	קלעזמאָרים [כלי זמר]	музыканты
12	כאזאָנים [חזן]	канторы
13	גרימפּלען	греметь
14	סינײַ־ניגונים [סני־ניגונים]	напевы с горы Синай
15	מעשונע־ווילד [משונה]	безумный, дикий
16	טנועס [תנועות]	движение
17	האווײַעס [העוויות]	повадки
18	בעירושע [בירושה]	по наследству
19	איין באַיִס [בית]	нет ни одного дома
20	באלעבאטיש קינד [בעל הבית]	*зд.* «приличный ребенок»
21	מאנסלײַט	мужчины

שטוב, קוקט אף די ווענט! וויפל עס הענגען פידעלעך, אזוי־פיל מאנסלײַט!

אלע שפילן: עס שפילט דער זיידע, עס שפילט דער פאָטער, עס שפילט דער זון...

עס איז נאָר א שאָד, וואָס יעדער דאָר שפּילט זיך זײַנס, שפּילט אנדערש, שפילט באזונדער!

אזוי ווי דער דאָר, אזוי איז דער ניגון!

עס איז פאראנען א ניגן פול מיט בענקשאפט; נאָר צו וואָס בענקט ער, דער ניגון? עס בענקט א נעשאָמע[22] צוריק צו איר שוירעש[23], און עס בענקט אן אלטער קעלעוו[24] אָן צײַן צו יונגע יאָרן מיטן יונגן יעיצערהאָרע[25]!

נעמט כאָטש דאָס לידל:

ר׳ דאָווידל האָט געוווינט אין וואסילקאָוו —
אין וואסילקאָוו,
און הײַנט וווינט ער אין טאלנע;
רעב דאָווידל, רעב דאָווידל האָט געוווינט אין וואסילקאָוו,
הײַנט וווינט ער אין טאלנע!..

עס זינגען עס טאלנער, עס זינגען עס וואסילקאָווער! נאָר אז די טאלנער זינגען, איז עס אן עמעס „פריילעכס״, שפּריצט עס און ברענט מיט סימכע[26], מיט טײַנעג[27], זינגען עס אָבער וואסילקאָווער, איז עס אויסגעווייקט מיט צאר[28]

---

[22] נעשאָמע [נשמה] — душа
[23] שוירעש [שורש] — корень
[24] קעלעוו [כלב] — пес
[25] יעיצערהאָרע [יצר־הרע] — недобрые мысли, злые побуждения
[26] סימכע [שמחה] — радость, веселье
[27] טײַנעג [תענוג] — удовольствие
[28] צאר [צער] — горе, огорчение

און מאַרעשכוירע![29] און וועגדן וועגדט זיך עס אָן דער נ ע־ ש אָ מ ע, וואָס מע גיט א ר ײַ ן אין ניגון!..

. . . .

א ניגון לעבט, און א ניגון שטארבט; און מע פארגעסט א ניגון, ווי מע פארגעסט א שויכן־אָפאָר![30]

יונג און פריש איז ער אמאָל געווען, דער ניגון! מיט פריש לעבן האָט ער געשפריצט... מיט דער צײַט איז ער אָפגע־שוואכט געוואָרן[31], ער האָט אָפגעלעבט זײַן צײַט, און די קויכעס זײַנען אים אויסגעגאנגען... אויוורבאָטל[32] איז ער געוואָרן... דערנאָך איז זײַן לעצטער הויך ארײַן אין דער לופט און ערגעץ פארשטיקט געוואָרן.

נאָר א ניגון קאָן אופשטיין טכיעס־האמייסים[33]...

פלוצעם דערמאָנט מען זיך אן אלטן ניגון, ער שווימט פלוצעם ארויס און רײַסט זיך פון מויל אראָפּ... נישט ווילנ־דיק לייגט מען אין אים ארײַן א נײַ געפיל, א נײַע נעשאָמע, און קימאט א נײַער ניגון לעבט...

דאָס איז שוין א גילגל פון א ניגון...

. . . .

איר פארשטייט מיך ווייניק... רעדט מיט א בלינדן וועגן ליכט!

ווייסט איר וואָס? מײַסעס האָט איר דאָך ליב, וועל איך אײַך דערציילן א מײַסע וועגן א גילגל פון א ניגון... הערט!

---

29 מאָרעשכוירע [מרה שחורה] — меланхолия, грусть

30 שויכן־אָפאָר [שוכן אפר] — земной (*букв.* «живущий во прахе»)

31 אָפּגעשוואכט ווערן — ослабеть

32 אויוורבאָטל [עובר בטל] — маразматик

33 טכיעס־האמייסים [תחית־המתים] — воскрешение из мертвых

דרײַ־פיר מײַל אונטער באַרדיטשעוו, באַלד נאָכן וואַלד, איז פאַראַנען אַ שטעטל מאַכנאָווקע; און אין דעם מאַכנאָווקע איז געווען אַ נישקאָשעדיקע[34] קאַפעלע קלעזמער. נאָר דער ראָש[35] זייערער, רעב כאַ:מל האָט ער געהייסן, דער איז געווען אַ בעריע[36] פון אַ מוזיקאַנט, — פעדאָצער באַרדיטשעווערס אַ טאַלמיד[37]. דער רעב כאַ:מל איז נישט געווען קיין מעכאַדעש[38] פון ניגונים, דאָס הייסט: ער איז נישט געווען קיין קאָמפּאָזיטאָר; נאָר אויספירן אַ זאַך, מאַטים זײַן[39], פאַרטײַטשן, מאַמעש[40] אַרײַנלייגן אין האַרץ — דאָס האָט ער געקאָנט; אין דעם האָט שוין זײַן גווורע[41] געשטעקט!

אַ ייִד איז ער געווען אַ דאַרער, אַ טרוקענער. האָט ער אָבער אָנגעהויבן שפּילן, איז ער פּלוצעם געוואָרן גאָר אַן אַנדער מענטש: די אייביק אַראָפּגעלאָזטע ברעמען האָבן זיך לאַנגזאַם אופגעהויבן, און פון די שטילע, טיפע אויגן איז געפאַלן אַן עמעסע[42] שײַן פון רוכניעס[43] איבערן בלאַסן פּאָנעם. מע האָט געזען, אַז זײַנע הענט שפּילן אַליין, פון זיך, און די נעשאָמע פליט ערגעץ אַרום, הויך, הויך, אין אוילאָם־האַזימראָ[44]... טיילמאָל פלעגט ער זיך פאַרגעסן און

---

34 נישקאָשעדיקע [נישקשהדיקע]	неплохая
35 ראָש [ראש]	руководитель
36 בעריע [בריה]	мастер, умелец
37 פעדאָצער באַרדיטשעווערס אַ טאַלמיד	ученик бердичевского Педоцера (знаменитый скрипач)
38 מעכאַדעש [מחדש]	обновитель
39 מאַטים [מתעים] זײַן	приспособить
40 מאַמעש [ממש]	действительно, в самом деле
41 גווורע [גבורה]	сила, доблесть
42 עמעסע [אמת]	истинные
43 רוכניעס [רוחניות]	духовность
44 אוילאָם־האַזימראָ [עולם־הזמרה]	мир музыки

אָנהייבן זינגען אויך, און א קאָל האָט ער געהאַט — א קלאָר־נעט, אזוי קלאָר און אזוי ריין...

וואָלט דער כאַימל נישט געווען קיין פרומער, פּאַשע־טער[45] ייִד, קימאַט א טאַם[46], וואָלט ער זיך נישט געקווע־לט[47] מיט אכט קינדערלעך אין מאַכנאָווקע. ער וואָלט שוין ערגעץ געשפּילט אָדער געזונגען אין א טעאַטער, און עפּשער קאָר־כאַזן[48] געוואָרן אין א בערלין צי פּאַריזש... נאָר אזוינע לײַט גיט שוין אַרויס פון זיך באַרדיטשעוו. כאַימל טאַם זיצט זיך אינדערהיים און באָרגט[49] כאַדאָשימלאַנג[50] אין אַלע שפּײַז־געוועלבלעך[51] אַל כעזשבן[52] פון א באַלעבאַטישער כאַסענע[53], וואָס מוז דאָך אַמאָל זײַן!

און דעמלט האָט זיך פּונקט געמאַכט א גווירישע[54] כאַ־סענע! און באַם פּער פון מאַכנאָווקע, באַ בערל קאַצנערס אַלמאָנע[55].

בערל קאַצנער אַליין — ווערגן זאָל ער מיך קומען[56] — איז געווען א גרויסער וואָכערניק[57], א קאַמצן[58] — נאָך א

---

45 פּאַשעטער [פשוט] — простой
46 קימאַט א טאַם [כמעט א תם] — почти дурак, простец
47 קווע־לן — радоваться
48 קאָרכאַזן — кантор в хоральной синагоге
49 באָרגן — одалживать
50 כאַדאָשימלאַנג [חודש] — в течение нескольких месяцев
51 שפּײַז־געוועלבלעך — продуктовые лавки
52 אַל כעזשבן [על חשבון] — на счет
53 באַלעבאַטישע כאַסענע [חתונה] — достойная свадьба
54 גווירישע [גביר] — *зд.* — богатая
55 אַלמאָנע [אלמנה] — вдова
56 ווערגן זאָל ער מיך קומען — чтоб он пришел меня задушить
57 וואָכערניק — ростовщик
58 קאַמצן [קמצן] — скупой

גרעסערער. אין מויל אריין האָט ער זיך נישט פארגונען[59]... ער פלעגט ארומגיין און קלייַבן קרישקעלעך נאָך די קינדערס עסן... אן אייַזערן הארץ האָט ער געהאט, דער מענטש!

פארן טויט, קימאט אינמיטן דער גסיסע[60], רופט ער צו דעם עלטסטן זון, הייסט זיך דערלאנגען די ביכער און ווייַזט אָן מיט א ברויז־בלויען פינגער, ווו עס איז נישט באצאָלט קיין ראטע[61]; און „פראָלאָנגירן, זאָגט ער, כאסוועשאָלעם[62]! הערסט! ביגזייראס קיבודאָוו"[63].

דערנאָך האָט ער צוגערופן דאָס ווייַב און געהייסן באַהאלטן דאָס קופער[64], וואָס האָט געהאנגען אף דער וואנט: „מאך איך צו אן אויג, — זאָגט ער, — איז אלץ העפקער[65]!" און מיט דעם איז אים די נעשאָמע ארויס!

איבערגעלאָזט האָט ער טאקע א האלבן מיליאָן!

ווי געזאָגט, כאסענע דער טאָכטער מאכט די אלמאָנע, און זי אייַלט צו, ווייַל זי וויל זיך אליין אויך לאָזן ריידן א שידעך[66]; א שטיין איז איר אראָפּ פון הארץ! אופגעריכט[67] איז זי געוואָרן!..

און אז כאַמל קלעזמער דארף אויך כאסענע מאכן א

59	ניט פארגונען	не завидовать
60	גסיסע [גסיסה]	агония
61	ראטע	срок
62	כאסוועשאָלעם [חס ושלום]	не дай бог!
63	ביגזייראס קיבוד־אָוו [בגזרת כבוד אב]	под угрозой обвинения в неподчинении воле отца
64	קופער	медь
65	העפקער [הפקר]	потерянная, брошенная вещь; *зд.*— пропало
66	שידער [שדוך]	сватовство
67	אופגעריכט ווערן	воспрянуть духом

טאָכטער, ווארט ער מינאסטאם[68] אף דער כאסענע ווי אף מאָש:עכן[69]...

פאלט אָבער איַין דער אלמאָנע, אז זי וויל אראָפּברענגען פּעדאָצערן פון באַרדיטשעוו.

באשער בעכיין[70]? עס וועלן זיַין ק:עווער מעכוטאָנים[71], ק:עווער מעווינים[72], וויל זי צום באדעקנס[73] א ניַיעם „אייל מאָלע ראכמים[74]; נישט, זאָגט זי, קיין אלטע אָפּגעשלאָגענע הוישאַנע[75]! עס קאָסט אזויפיל, זאָל נאָך קאָסטן, און זאָלן די ק:עווער זען!

כא:מל איז שיר אויסגעגאנגען[76].

אין שטאָט איז אויך געוואָרן א גערודער; מע האָט אים זייער ליב געהאט, כא:מלען; און עס איז גלאט א ראכמאָנעס[77] אף א י:ד אן עוויען[78]!.. מע לייגט זיך אריַין אף א פּעשער[79]; און סאָפקאָלסאָף[80] איז געבליבן, אז שפּילן זאָל טאקע כא:מל מיט דער קאַפּעלע, נאָר פאר דער כאסענע

---

68 מינאסטאם [מן הסתם] — вероятно

69 מאָש:ער [משיח] — мессия

70 באשער בעכיין [באשר בכן] — значит, итак

71 מעכוטאָנים [מחותנים] — сваты

72 מעווינים [מבינים] — знатоки

73 באדעקנס — *зд.*— свадьба

74 אייל מאָלע ראכמים [אל מלא רחמים] — «боже милосердный» — начало поминальной молитвы

75 הוישאַנע [הושענא] — «осанна» — «спаси нас» — молитва, читаемая в праздник кущей, *зд.*— ненужная вещь

76 אויסגעגאנגען — *зд.*— кончилась

77 ראכמאָנעס [רחמנות] — милосердие

78 עוויען [אביון] — бедняк

79 פּעשער [פשר] — приходит к соглашению

80 סאָפקאָלסאָף [סוף כל סוף] — в конце концов

זאָל ער זיך אראָפּכאפּן[81], אף דער גווירעס[82], הויצאָעס[83], קיין באַרדיטשעוו און ברענגען פון פעדאָצערן א נײַעם „אייל מאָלע ראַכמים״.

כאַימל כאַפּט עטלעכע רובל,— דערפון לאָזט ער איבער א גרעסערע העלפט דעם ווײַב מיט די קינדער — דינגט א פור און לאָזט זיך קיין באַרדיטשעוו.

און דאָ הייבט זיך אָן די מײַסע מיטן גילגל.

. . . .

ווי זאָגט מען עפּעס, אַן אָרעמאַן האָט מאזל[84]! פּאָרט כאַימל פון איין זײַט אַרײַן קיין באַרדיטשעוו, און פעדאָצער פּאָרט פון דער אנדערער זײַט ארויס פון באַרדיטשעוו! פונקט האָט מען אים פארבעטן קיין טאַלנע אף א מעלאווע-מאַלקע! דער טאַלנער, מוזט איר וויסן, האָט שטארק גע-האַלטן פון פעדאָצערן. „סוידעס-האַטוירע״[85], פלעגט ער זאָגן, „שטעקן אין זײַנע ניגונים! עס איז נאָר א שאָד, וואָס ער אליין ווייסט זיי נישט!״

מײלע, כאַימל דרייט זיך ארום ווי אַן אָפּגעסאַמטער[86] אין די גאַסן.

וואָס זאָל ער טאָן? אהיים פאָרן אָן אַן „אייל מאָלע ראַכ-מים״ טאָר ער נישט — די וועלט וועט זיך קערן! נאָכפאָרן קיין טאַלנע אָדער וואַרטן, ביז פעדאָצער וועט צוריקומען, קאָן ער נישט — ער האָט אויסגערעכנט הויצאָעס! די גווירע האָט אים וויי‍ניק-וואָס געגעבן, און איבערגעלאָזט דעם ווײַב האָט ער א סאך! האָט ער טאַקע ווילד צאַר!

81	אראָפּכאפּן	забежать, заскочить
82	גווירר [גביר]	богатый, важный человек
83	הויצאָעס [הוצאות]	расходы
84	מאזל [מזל]	счастье
85	סוידעס-האַטוירע [סודות התורה]	тайны торы
86	אָפּגעסאַמטער [סם]	отравленный

פלוצעם דערזעט ער אין גאַס אזא מין סצענע:

שטעלט אײַך פאָר, אין א שײנעם, העלן וואָכנטאָג[87] גײט זיך איבער דער גאַס א ווײַבל, אָנגעטאָן ביגדיי שאבעס וועיאָמטעוו[88], אָדער, ווי מע זאָגט אין יענע קאַנטן, אויסגעפוצט אין האָניק און אין עסיק[89]... אפן קאָפּ טראָגט זי א מאָדנעם ציפּיק[90], מיט לאַנגע, לאַנגע בענדער, סטענגעס[91] פון פאַרשיידענע לעבעדיק-שרײַענדיקע קאָלירן!

אין דער האַנט האַלט זי א גרויסע ווײַסע זילבערנע טאַץ[92].

דעם ווײַבל גײען נאָך קלעזמער און שפּילן, און דאָס ווײַבל גײט טאַנצנדיק. טיילמאָל שטעלט זי זיך אָפּ מיט די קלעזמער פאַר א שטוב אָדער פאַר א קלײט און מאַכט א טענצל[93] אפן אָרט... די מוזיק רופט אַרויס מענטשן פון אַלע זײַטן, טירן און פענצטער זײַנען אָנגעפּראָפּט[94] — קאָפּ אף קאָפּ...

די מוזיק שפּילט, דאָס ווײַבל טאַנצט, די קאָלירטע בענדער צעפליִען זיך אינדערלופטן, די טאַץ בלאַנקט און בליצט... דער אוילעם[95] שרײַט: „מאזלטאָוו"[96] און וואַרפט

---

[87] וואָכנטאָג — будний день

[88] ביגדיי שאבעס וועיאָמטעוו [בגדי שבת ויום טוב] — одежда для субботы и праздников

[89] אויסגעפוצט אין האָניק און אין עסיק — разодетая в пух и прах

[90] ציפּיק — чепчик

[91] סטענגע — лента

[92] טאַץ — поднос

[93] מאַכן א טענצל — пританцовывать

[94] אָנגעפּראָפּט — *зд.* забиты (родителями)

[95] אוילעם [עולם] — *зд.* публика

[96] מאזלטאָוו [מזל טוב] — пожелание счастья

מאטבייעס[97]; דאָס ווײַבל טאנצט אונטער און כאפּט זיי אריַין אין טאָץ, — די מאטבייעס בליצן און קלינגען צו צום טאקט...

וואָס איז עס? א קלייניקײַט: בארדיטשעוו איז א יידישע שטאָט און האָט יידישע מינהאָגים[98]; אזוי איז מען זיך נוי־העג[99] צוזאמען צונעמען אף האכנאָסעס־קאלע[100]!

כאַימל האָט געוווּסט פון מינהעג[101]. ער האָט געוווּסט, אז די ווײַבער קלערן זיך אויס טענץ און פּעדאַצער אליין מאכט פאר יעדעס מאָל א נײַעם ניגן; דאָס איז שוין זײַן מיצווע[102] געוועןן! מע קומט צו אים, מע דערציילט אים פון דער קאלע, פון איר מישפּאָכע[103], פון שידעך, פון דאַ־לעס[104]... ער הערט שווײַגנדיק, מיט פארמאכטע אויגן, טיילמאָל פארשטעלט ער זיך דאָס פּאָנעם מיט די הענט, און אז מע ענדיקט, עס ווערט שטיל, הייבט אָן פּעדאַצער צו ברומען[105] א ניגן...

דאָס אלץ האָט כאַימל געוווּסט. וואָס דען שטייט ער מיט אָפענע מויל און אויערן?

ער האָט נאָך אזא „פריילעכס” נישט געהערט. עס לאכט

---

97 מאטבייע [מטבע] монета
98 מינהאָגים [מנהגים] обычаи
99 זיך נויהעג [נוהג] זײַן иметь привычку
100 האכנאָסעס־קאלע [הכנסת כלה] выдать замуж бедную девушку, у которой нет денег на приданое и свадебные расходы
101 מינהעג [מנהג] обычай
102 מיצווע [מצווה] заповедь, *зд.* богоугодное дело
103 מישפּאָכע [משפחה] семья
104 דאלעס [דלות] бедность
105 ברומען напевать

און ווײנט צוזאַמען; עס פילט זיך אי צאַר, אי טײַנעג[106], האַרצווײ[107] און גליק; אַלץ אויסגעמישט, צוזאַמענגעשמאָלצן[108]... אַן עמעסער יעסוימעס[109] אַ כאַסענע!

פלוצלינג איז ער אונטערגעשפּרונגען: ער האָט, וואָס ער דאַרף!

צוריקפאָרנדיק פון באַרדיטשעוו, האָט דער באַלעגאָלע אופגענומען פאַרשווינען. כאַ:מעל האָט אים נישט געווערט[110]. און די פאַרשווינען, און גראָד מעווינים, האָבן דערציילט, אַז אַזוי-ווי זיי זײַנען אַרײַנגעפאָרן אין וואַלד, האָט כאַ:מעל אָנגעהויבן צו זינגען.

געזונגען האָט ער פּעדאָצערס „פרײלעכס"; נאָר דערפון איז שוין געוואָרן גאָר אַן אַנדער זאַך, דער מאַזלטאָוו פון האַכנאָסעס-קאַלע איז מעגולגל געוואָרן[111] אין אַן עמעסן „אייל מאָלע ראַכמים".

און אינמיטן שטילן גערויש[112] פון ביימער איז אַרויסגעשוווּמען אַ שטילער, זיסער שטילער ניגן...

און דעם ניגן, האָט זיך געדאַכט, האַלט אונטער אַ גרויסע, נאָר אַ שטילע קאַפּעלע מעשוירערים[113], דאָס האָבן גערוישט די ביימער אין וואַלד...

שטיל און האַרציק האָט זיך דער ניגן געקלאָגט; געבעטן זיך ראַכמים, ווי אַ קראַנקער בעט אַף זײַן לעבן...

---

106 טײַנעג [תענוג] — удовольствие
107 האַרצווײ — сердечная тоска
108 צוזאַמענשמעלצן — сливаться
109 יעסוימעס [יתומות] — сиротство
110 ווערן — *зд.*— бороться, сопротивляться
111 מעגולגל [מגולגל] ווערן — превратиться
112 גערויש — шум
113 מעשוירער [משורר] — певец

דערנאָך הייבט דער ניגן אָן צו זיפּצן, צו בעטן זיך מיט קורצע אויסגעשרייען; מע פילט, אז עמעץ קלאפּט זיך אין הארץ ארײַן „אלכעט"[114] — צי איז עס יאָמקיפּער, צי זאָגט עמעץ ווידע[115]?

נאָר העכער, און אין איינוועג צעבראָכענער, ווערט דאָס קאָל; וואָס א מאָל אָפּגעריסענער, ווי פון טרערן דערשטיקט, ווי פון יעסורים[116] איבערגעהאקט, — דערנאָך עטלעכע טיפערע זיפּצן, א שארפער אויסגעשריי! איינער... א צווייטער, און פלוצלינג רײַסט זיך עס אינגאנצן אָפּ, שטיל — עמעץ איז געשטאָרבן...

דער ניגן וועקט זיך ווײַטער אויף, און ער פאלט שוין ארײַן אין הייסע, ברענענדיקע געשרייען. און די געשרייען פליען, יאָגן און פלאָנטערן זיך; עס ווערט א הימל־געשריי, א יאָמער[117] — ווי בא א לעווײַע[118]!

און אינמיטן דער לעווײַע שווימט ארויס א דין, ריין קינדיש קאָל; איז עס נאָס, ציטעריק און דערשראָקן.

קאדעש זאָגט א קינד!

און עס גייט איבער אין אשטייגער[119]: הויראָיעס[120], דימיוינעס[121], טויזנטער[122] געדאנקען, וואָס גייען לאנגזאם

114	„אלכעט" [על חטא]	«за грех» — название покаянной молитвы, при чтении которой принято бить себя в грудь
115	ווידע [ווידוי]	исповедь
116	יעסורים [יסורים]	мучения
117	יאָמער	вопль, рыдание
118	לעווײַע [לוויה]	похороны
119	אשטייגער	например
120	הויראָיעס [הוריות]	размышления
121	דימיוינעס [דימיונות]	образы (воображение)
122	טויזנטער	тысячи

איבער אין זיסע, בארעמהארציק־זיסע[123] מעלאָדיעס... עס טרייסט, עס רעדט איַין... און מיט אזא גוטסקייַט, מיט אזא מעסירעסנעפעש[124], מיט אזא פעסטן גלויבן, אז עס ווערט וויַיטער גוט, וויַיטער זיס; עס גלוסט זיך וויַיטער צו לעבן. עס ווילט זיך לעבן, עס ווילט זיך האָפן!

אויסגעגאנגען זיַינען שיר די מענטשן.

— וואָס איז עס? — פרעגן זיי.

— אן „אייל מאָלע ראכמים", — ענטפערט רעב כאַים, — פאר קאצנערס יעסוימע[125] אן „אייל מאָלע ראכמים"!

— נישט קעדיַי אפילע[126], — ענטפערן זיי, — אן אווייירע[127] דער ניגן, נאָר די וועלט וועט איר אָפּנעמען, ר' כאַימל, די קיַעווער לייַט וועלן אויסגיין...

די קיַעווער לייַט זיַינען נישט אויסגעגאנגען!

בא די קאצנערס[128] איז שוין קיין ייִדיש באלעבאטישע כאסענע נישט געווען... און דער „אייל מאָלע ראכמים" האָט פארן אוילעם[129] נישט געפּאסט.

די קיַעווער לייַט ווילן בעסער טאנצן מיט דאמען. נאָך וואָס „שטייגער"[130]? נאָך וואָס „מאָראלישע" זאכן?

און גלאט נאָך ווען אן „אייל מאָלע ראכמים"? נאָכן אלטן קאַמצן[131]?

דער אלטער קאמצן זאָל לעבן[132], וואָלט די קאלע קיין

123	בארעמהארציק־זיסע	слащавые, жалостливые
124	מעסירעסנעפעש [מסירת־נפש]	самоотверженность
125	יעסוימע [יתום]	сирота
126	נישט קעדיַי אפילע [כדי אפילו]	даже и не стоит
127	אווייירע [עבירה]	грех
128	קאצנער	Кацнер (название местечка)
129	אוילעם	публика
130	שטייגער	быт
131	קאמצן [קמצן]	скупой
132	זאָל לעבן	чтоб он жил

העלפֿט נאָדן נישט געהאַט[133], קיין אויסשטײַער אוואַדע[134] נישט, עס וואָלט די כּאַסענע גאָר אַן אַנדער פּאָנעם גע־האַט[135]! זאָל ער הײַנט אופֿשטיין און זען דאָס ווײַס אַטלאַ־סענע קלייד מיט שפּיצן, דעם שלייער; זאָל ער זען די ווײַ־נען, די טאָרטן, די פֿישן און פֿליישן, אונטער וועלכע עס ברעכן זיך די טישן,— וואָלט ער דאָך נאָכאַמאָל געשטאָרבן און — שוין נישט אַזוי לײַכט ווי פֿרי׳ער!

און וואָס דאַרף מען די גאַנצע צערעמאָניע, די גאַנצע באַדעקנס... אַלטע נאַרישע מינהאָגים[136]!

— געשווינדער[137]! — שרײַט דער קי׳עווער אוילעם[138].

דער אָרעמער כּאַימל! ער האָט אָפּגעשטעלט די קאַפּעלע, מיט האַרצקלאַפּן געצויגן דעם סמיטשעק איבער די סטרו־נעס... דער פּראָסטער אוילעם האָט שוין אָנגעהויבן פּינט־לען[139] מיט די אויגן, בײַ טייל רינען שוין טרערן,— און דאָ גיט איינער, אַ קי׳עווער, אַ געשריי:

— וואָס איז דאָ? אַ כּאַסענע צי אַ לעווײַע?

און אַז כּאַימל מאַכט זיך נישט הערנדיק און שפּילט ווײַטער, הייבט ער אָן, דער קי׳עווער, צו פֿײַפֿן[140]...

און פֿײַפֿן פֿײַפֿט ער גראָד אויסגענומען ווויל... ער האָט שוין געכאַפּט דעם ניגן און פֿײַפֿט אים קעהאַוואַיע[141]! און

---

133 וואָלט די קאַלע קיין העלפֿט נאָדן נישט געהאַט — невеста не имела бы и половины приданого

134 אוואַדע [אודאי] — наверняка

135 עס וואָלט די כּאַסענע גאָר אַן אַנדער פּאָנעם [פּנים] געהאַט — свадьба прошла бы совсем по-другому

136 מינהאָגים [מנהג] — обычай

137 געשווינדער — быстрее, стремительнее

138 אוילעם [עולם] — толпа, *зд.* народ

139 פּינטלען — мигать, моргать

140 פֿײַפֿן — свистеть

141 קעהאַוואַיע [כּהוויתו] — как он есть

פײַפּט וואָס א מאָל געשווינדער, אויסגעלאסענער, ווילדער, און אלץ דעם אייגענעם ניגון!..

די קאפּעלע בלײַבט שטיל. און עס הערט זיך נאָר א מילכאָמע[142] צווישן דער מאָראלישער פידל מיטן אזעס־מעכוצעפן פײַפן...

און דאָס פײַפן איז גויווער[143]! עס יאָגט אונטער דעם סמיטשעק! די פידל וויינט שוין נישט, פריִער קרעכצט זי, דערנאָך הייבט זי אָן צו לאכן!

און פּלוצעם האָט כאַים איבערגעהאקט. מיט פארביסענע ליפּן און ווילדברענענדיקע אויגן שפּרינגט ער איבער אף אן אנדערע סטרונע און הייבט אָן נאָך געשווינדער צו שפּילן, איבעריאָגן וויל ער דאָס פײַפן!

ניין, עס איז שוין קיין שפּילן נישט געווען! די פידל ווארפט ארויס פון זיך אָפּגעריסענע געשרייען, גוואלדיקע קוילעס[144]... און זיי ווארפן זיך און דרייען זיך ארום ווי אין א ווירבל־ווינט[145], אלץ ארום, דאכט זיך, טאנצט: די שטוב, די קאפּעלע, די געסט, די קאלע[146] אפן שטול, כאַים אליין מיט דער פידל...

עס איז קיין פריילעכס, קיין „אייל מאָלע ראכמים”, עס איז קיין שפּילן! א טאנצנדיק מעשוגאס[147] איז עס, א ווילד־מעשונעדיקער[148] כוילע־נויפל[149], ראכמאָנע ליצלאָן[150]...

---

142 מילכאָמע [מלחמה] — война
143 גויווער [גובר] זײַן — преодолеть, победить
144 קוילעס [קולות] — голоса
145 ווירבל־ווינט — ураган
146 קאלע [כלה] — невеста
147 מעשוגאס [משוגעת] — сумасшествие, психоз
148 ווילד־מעשונעדיקער [משונה] — странный, дикий
149 כוילע־נויפל [חולה־נופל] — больной — эпилептик
150 ראכמאָנע ליצלאָן [רחמנא ליצלן] — боже упаси

און עס האָט אזוי לאנג געדויערט, ביז די סטרונע האָט געפּלאצט.

— בראוואָ, כאימל, בראוואָ! — האָבן די קיעווער לײַט געשריען...

צי האָבן זיי דערמיט דעם אלטן קאמצן א טויווע[151] געטאָן? אז אָסער[152]!

אין עטלעכע יאָר ארום איז דער ניגן, מינאסטאם[153] דורך איינעם פון די קיעווער לײַט, ארײַן אין טעאטער!

וואָס איז אזוינס טעאטער! אלטע מאסקילים[154] פלעגן גלייבן, אז טעאטער איז בעסער פאר א מוסער־סייפער[155], שטארקער פארן „ריישיס־כאָכמע"[156], לעהאוודל[157]! איר זאָגט אוואדע, אז טעאטער איז טרייף[158] ווי כאזער[159]...

בא אונדז זאָגט מען, אז עס ווענדט זיך אין דעם, וואָס מע שפּילט אין טעאטער!

געווען איז עס שוין אין ווארשע...

דאָס טעאטער איז פול, קאָפּ אף קאָפּ. די מוזיק הייבט אָן שפּילן...

וואָס שפּילט די מוזיק?

א גערויש, א מעהומע[160] שפּילט זי, — א דויר האפלאָ־

---

151 טויווע [טובה] — добро
152 אָסער [אסור] — нельзя, запрещено
153 מינאסטאם [מן הסתם] — вероятно
154 מאסקילים [משכילים] — приверженцы просвещения, *зд.* просвещенные
155 מוסער־סייפער [מוסר־ספר] — назидательная кннига
156 ריישיס־כאָכמע [ראשית־חכמה] — Книга «Начало премудрости»
157 לעהאוודל [להבדיל] — к слову сказать
158 טרייף [טרף] — трефной, запрещенный
159 כאזער [חזר] — свинина
160 מעהומע [מהומה] — шум, суматоха

גאָ[161]. כאַמלס „אײל מאָלע ראכמים“, נאָר אפֿן אָרט פֿון װאָלאך[162] — א מעהומע: די קײלים יאָגן זיך, טרײַבן זיך און קנאַקן!

עס רודערט, עס קלאַפּט און עס פֿײַפֿט... נישט עס דונערט, נישט הײַזער פֿאַלן, גלאַט א געפּילדער! צי גליטשן זיך[163] שײדים[164] אפֿן יאם־האקעראך[165], צי רײַסן זיך טױזנטער כײַעס־ראָעס[166] פֿון גענעם[167] ארױס? א ציטערניש נעמט דורך דאָס טעאַטער!

פֿלוצעם רײַסט זיך ארײַן דער באַס! מיקלוימערשט[168] אין קאַס[169] איז ער! ער בײזערט זיך. װאָס איז דאָס? נאָר — פֿאַלש! מע פֿילט, אז ער בײזערט זיך נישט ערנסט. און א מאָדנע פֿײַפֿער? שפּרינגט אונטער, עס פֿליט דורך די קאַפּעלע מיט זיגזאַגן פֿון א בליץ און מיט א געלעכטער פֿון אן עמעסן לעץ:[170] כאַ־כאַ־כאַ! און כי־כי־כי! דער קלאַרנעט אײַלט זיך נאָך! און מײַסים[171] טוט ער, דער קלאַרנעט! לעהאַכיס[172] טוט ער, מע פֿילט בעכױש[173] דעם לעהאַכיס!

161	דויר האפלאַגאָ [דור הפלגה]	*букв.* «поколение потопа» — соответствует русскому выражению «вавилонское столпотворение», шум, гул
162	װאָלאך	«Волах» — название танца
163	גליטשן זיך	скользить
164	שײדים [שדים]	черти, бесы
165	יאם־האקעראך [יאם הקרח]	ледяное море
166	כײַעס־ראָעס [חיות רעות]	злые звери, хищники
167	גענעם [גהנים]	ад, геенна
168	מיקלוימערשט [מכלימרשט]	как-будто, кажется
169	קאַס [כעס]	гнев
170	לעץ [לץ]	насмешник, шут
171	מײַסים [מעשים]	дела, поступки
172	לעהאַכיס [להכעיס]	назло
173	בעכױש [בחוש]	с чувством

און אַצינד ערשט שווימען אַרויס דרײַ־פיר פידלען... און מעשונע־זיס שפּילן זיי, די פידלען, מעשונע־זיס, ווי די טײַוווע אַליין, ווי דער יעיצערהאָרע[174], ווען עס רינגט אים האָניק פון מויל! און עס נאַרט זיך אַרײַן, דאָס שפּילן, אין די הערצער; עס פליסט אַרײַן ווי אַ בוימל און פאַרשיקערט[175] ווי אַלטער ווײַן!

אופגעפלאַמט ווערט דאָס טעאַטער: די מײַלער אָפן, און די אויגן בליצן!

און דאָ הייבט זיך ערשט אוף דער פאָרהאַנג, און עס באַווײַזן זיך אַן „ער" און אַ „זי" — אַ „בענמעלעך"[176] מיט אַ „באַס־מאַלקע"[177], און זיי זינגען!

זיי זינגען מיט ווערטער, מיט פלאַמענדיקע ווערטער, ווי ברענענדיקע שלאַנגען פליִען זיי פון די מײַלער אַרויס! און דאָס געגנעם ברענט זיי אף די פּענעמער; ווי די טײַוולאָנים[178] שפּרינגען זיי זיך אַקעגן! און דאָס האַלדזן זיך, דאָס קושן זיך, דאָס זינגען און דאָס שפּרינגען גייט אַלץ שנעלער און שנעלער און ווערט פײַער־פלאַמענדיקער מיט יעדער רעגע!

און אינעם פײַער ברענט שוין דאָס גאַנצע טעאַטער. די גאַנצע גאַלעריע מיט זכאָרים[179] און נעקייווועס[180], מיט די דערהיצט־פאַרשוויצטע פּענעמער און ווילד־פלאַמענדיקע אויגן... ווי אַ מאַבל[181] האָט עס פאַרפלייצט!

174	יעיצערהאָרע [יצר הרע]	злое побуждение
175	פאַרשיקערט [פאַרשכּרט]	опьянясь
176	בענמעלעך [בן־מלך]	сын царя, царевич
177	באַס־מאַלקע [בת־מלכּה]	дочь царицы, царевна
178	טײַוולאָנים	дьяволы
179	זכאָרים [זכרים]	мужчины
180	נעקייווועס [נקבות]	женщины
181	מאַבל [מבול]	потоп

און דאָס גאַנצע טעאַטער זינגט!
א יאַם פון ברענענדיקער טײַוועס האָט זיך אויסגעגאָסן —
א גענעם ברענט! שיידים טאַנצן, מאַלאַכיי־כאַבאָלע[182] פירן
א פײַערדיקע ראָד...
דאָס איז געוואָרן פון פעדאָצערס „האַכנאָסעס־קאַלע"[183],
דורך כאַ:מלס „אייל מאָלע ראַכמים", מיטן קי:עווערס הילף!

נאָר פאַלן האָט קײן שיר נישט!
כאָרעוו געוואָרן איז דאָס „יִדישע" טעאַטער. די
בניי־מעלאָכים[184] זײַנען צוריק שוסטער און שנײַדער גע־
וואָרן, די באַס־מאַלקעס האָבן זיך צוריקגעשטעלט צום קוי־
מען[185]. און מאַנכע פון די טעאַטער־ניגונים זײַנען מע־
גולגל[186] געוואָרן אין שאַרמאַנקעס...
אונדזער ניגן איז שוין קוים צו דערקענען!
אַן אויסגעקראָכענער דיוואַן ליגט אויסגעשפּרייט אף א
הויף... צוויי מענער אין לײַב־קאָליר[187] מאַכן קונצן, צוזאַמען
מיט אַן אויסגעדאַרט בלאַס מיידעלע, וואָס זיי האָבן ערגעץ
געגאַנוועט[188]...

אײנער כאַפּט א לייטער אף א צאָן. פײַל פון בויגן לויפט
דאָס מיידעלע אַרויף ביזן העכסטן שטאַפּל און שפּרינגט פון
דאָרטן אַראָפּ און בלײַבט שטיין אפן צווייטנס אַקסל! דער
ערשטער דערלאַנגט איר דערווײַל אין פּלייצע; זי מאַכט

---

182 מאַלאַכיי־כאַבאָלע [מלאכי־חבלה] — ангелы-мучители в аду
183 האַכנאָסעס־קאַלע [הכנסת כלה] — общество помощи бедным невестам
184 בניי־מעלאָכים [בני־מלכים] — царские дети
185 קוימען — труба
186 מעגולגל [מגולגל] געוואָרן — превратились
187 לײַב־קאָליר — трико телесного цвета
188 געגאַנוועט [גענבֿעט] — украли

עטלעכע קאָזשיאַלקעס[189] אין דער לופט און בלײַבט שטיין
פארן אוילעם אין הויף מיט אן אויסגעשפּרייטער האנט און
בעטלט א נעדאָווע[190]!

עס איז אויך א טעאטער, נאָר א טעאטער פאר געמײנע
לײַט! פאר מעשאָרסים[191] און דינסטן!

אונטערן הימל שפּילט מען, קאָסט עס ביליק, קויפט מען
קײן בילעטן נישט, ווארפט מען צווייערס און דרײַערס! און
זי מאכט עס אזוי קונציק, דאָס דארע מיידעלע!

דיקע טראָפּנס שווייס רינען איר פון רויט געמאָלטן פּאָ־
נעם, אין די אײַנגעפאלענע אויגן ברענט א צאר, — נאָר דאָס
זעט נישט דער אוילעם; זי אָטעמט שווער, דאָס הערט ער
נישט! ער זעט נאָר די שיינע קונצן, ער הערט נאָר די שיי־
נע מוזיק פון שארמאנקע!

און די נעשאָמע אין דעם דארן גוף פון אָרעמען, געגאנ־
וועטן קינד, און דער אָרעמער ניגן אין דער הייזעריק[192]־
בלעבענער שארמאנקע, — ביידע קרעכצן, וויינען און צאפּ־
לען, ביידע בעטן זיך טיקן[193]...

עס איז אָבער באשערט געוועזן, אז פּעדאָצערס „האכנאָ־
סעס־קאלע" זאָל אופגעריכט ווערן! גייענדיק פון הויז צו
הויז, וואנדערנדיק פון שטאָט צו שטאָט, האָבן די קונצנמאָ־
כער אזוי לאנג מיטגעשלעפּט דאָס אָרעמע קינד, ביז עס
איז, לוי־אלייכעם[194], קראנק געוואָרן...

---

189 קאָזשיאַלקעס	кувырки
190 נעדאָווע [נדבה]	милостыня
191 מעשאָרסים [משרתים]	слуги
192 הייזעריק	хриплый
193 בעטן זיך טיקן [תיקון]	*зд.* просят для себя лучшей участи
194 לוי־אלייכעם [לא עליכם]	не про всех будет сказано

עס איז געווען אין ראדזיוויל, בא דער גרענעץ. דאָרט האָבן זיי דאָס קראַנקע קינד איבערגעלאָזט הינטער א צוים און זײַנען די גרענעץ אריבער. יאָג נאָך דעם ווינט אפן פעלד! האלבנאקעט מיט ברוינע־בלויע צייכנס פון שלעג אפן לײַב, איז עס געלעגן אין א היץ!

ראכמאָנעסדיקע לײַט האָבן דאָס אופגעהויבן און געטראָגן אין העקדעש[195] ארײַן... אויסגעהאלטן האָט דאָס קינד א טיפוס[196], און ארויס איז עס פון שפיטאָל א בלינדע אףביידע אויגן!

און אצינד בעטלט דאָס אָרעמע קינד. פון הויז צו הויז גייט עס, פון טיר צו טיר און בעטלט...

און קימאט[197] זי רעדט נישט... זי קאָן מיט ווערטער נישט בעטלען...

זי שטעלט זיך ערגעץ אָפּ און וואַרט; דערזעט מען זי נישט, הייבט זי אָן זינגען איר ניגן, מע זאָל זי דערהערן... און דער ניגן איז פון דער שאַרמאַנקע!

און וואָס זאָגט אצינד דער ניגן?

ראכמים בעט[198] ער זיך: ראכמאָנעס[199] פאר אן אומגליקלעך קינד...

„שלעכטע מענטשן האָבן מיך ארויסגעגאַנוועט פון א גוטן טאטן, פון א הארציקער מאמען, פון א ווארעמער און זאטער היים!"

„מע האָט מיך ארויסגעריסן פון אלעם גוטן; אויסגענוצט און ארויסגעוואָרפן ווי א שאָל פון אן אויסגעגעסענער נוס!"

„ראכמאָנעס פאר אן אָרעם, אָרעם קינד!"

---

195 העקדעש [הקדש] — богадельня
196 טיפוס — тиф
197 קימאט [כמעט] — почти
198 ראכמים [רחמים] בעטן — просить милости
199 ראכמאָנעס [רחמנות] — милосердие

און נאָך בעט זיך דער ניגון:

„עס איז קאַלט, און איך גיי נאַקעט; הונגעריק בין איך אויך... און דעם קאָפּ ווי אַנידערצולייגן האָב איך אויך נישט... און בלינד בין איך דערצו!“

אזוי האָט דער ניגון געבעטן. און דאָס איז געווען זײַן ערשטע מאדרייגע ארוף — מע האָט דורך אים צדאָקע[200] געגעבן!

אין ראַדזיוויל איז געווען א ייִד א לאַמדן[201]... ער איז אפילע קיין מיסנאַגיד[202] ניט געווען, קיין כוילעק[203] אוואַדע נישט, נאָר ער האָט פּאָשעט[204] קיין צײַט נישט געהאַט צו פּאָרן... ער האָט די געמאָרע[205] נישט פאַרמאַכט!

פאַר ביטל-טוירע[206] האָט ער מוירע געהאַט!

מע זאָל אים אין בעסמעדרעש[207] נישט מעוואַטל זײַן פון לימעד[208], פלעגט ער זיצן און לערנען אינדערהיים; דאָס ווײַב זיצט א גאַנצן טאָג אין קלייט, די קינדער — אין כיידער[209].

עס פלעגט אים אמאָל דורכפליִען אין קאָפּ א ראַיען[210].

200	צדאָקע [צדקה]	пожертвование, милостыня
201	לאַמדן [למדן]	ученый
202	מיסנאַגיד [מתנגד]	миснагид — не хасид, противник хасидизма
203	כוילעק [חולק]	*зд.* яростный противник хасидизма
204	פּאָשעט [פשוט]	просто
205	געמאָרע [גמרה]	гемора — часть талмуда
206	ביטל-טוירע [ביטול-תורה]	нарушение торы
207	בעסמעדרעש [בית-מדרש]	бейс-мидраш, дом учения
208	מעוואַטל [מבטל] זײַן פון לימעד	отвлекаться от учения
209	כיידער [חדר]	хедер — начальная школа
210	ראַיען [רעיון]	мысль

עפשער[211] פֿאָרן ערגעץ! דאָס האָט אים דער יעיצערטאָוו[212], מינאסטאם[213], אונטערגעזאָגט. וואָס טוט דער יעיצערהאָרע? פֿארשטעלט ער זיך אין יעיצערטאָוו און ענטפֿערט: מאכטייסע[214], אוואדע[215] דארף מען אמאָל פֿאָרן! נאָר עס איז נאָך צײַט: מע דארף פֿריִער ענדיקן די מעסיכטע[216], יענע מעסיכטע!.. און אזוי זײַנען אוועק כאדאָשים און יאָרן!

פֿון הימל האָט מען אָבער, אפֿאָנעם, געוואָלט, ער זאָל קומען צו רעב דאָווידלען!

מאכט זיך אזא מײַסע:

איינמאָל זיצט ער זיך, דער לאמדן, און לערנט און דערהערט א געזאנג פֿאר דער טיר; בייזערט ער זיך אף זיך אליין:

— אז מע זיצט און לערנט, דארף מען נישט הערן, וואָס אין גאס, וואָס פֿאר דער טיר טוט זיך! מע דארף באָטל ווערן[217] אין דער טוירע!

ער הערט דאָך אָבער פֿאָרט; נעמט ער און פֿארשטאָפּט זיך מיט די פֿינגער די אויערן. דער ניגן גאנוועט זיך[218] אָבער פֿאָרט ארײַן[219]; אונטער די פֿינגער גאנוועט ער זיך. ווערט ער נאָך מער בייז, כאפּט ער מיט קאס[220] די לאנגע

---

211 עפשער [אפשר] — возможно, может быть
212 יעיצערטאָוו [יצר טוב] — добрый ангел-искуситель
213 מינאסטאם [מן הסתם] — вообще-то, наверно
214 מאכטייסע [מהיכא־תיתי] — отчего бы нет
215 אוואדע [אוודאי] — конечно
216 מעסיכטע [מסכתא] — трактат талмуда
217 באָטל [בטל] ווערן — отменить, нарушить
218 גאנוועט זיך [גנבט] — прокрадываться
219 פֿאָרט ארײַן — *зд.*— дальше
220 קאס [כעס] — гнев

באָרד אין מויל אַרײַן און, בײַסנדיק די האָר, לערנט ער ווײַטער! מיט נאכעס[221] לערנט ער!

דער ניגון לאָזט נישט אָפּ. ער הערט אים וואָס א מאָל שארפער. אינמיטן דערפילט ער, אז א מיידל זינגט. גיט ער שוין א געשריי ארויס אף א קאָל: כצופע[222]! אוועק פון מײַן הויז! גייט דער ניגון אוועק... נאָר, א מײַסע נוירע[223] — מע זינגט שוין נישט, און ער הערט ווײַטער! דער ניגון זינגט זיך אים אליין אין אויער, אין דער נעשאָמע! מיט קויעך[224] קוקט ער אין סייפער ארײַן, מיט קויעך וויל ער זיך דורכנעמען מיט דער סוגיא[225], עס גייט נישט! דעם לאמדנס נעשאָמע ווערט וואָס א מאָל פולער און פולער מיטן ניגון...

פארמאכט ער די געמאָרע און שטעלט זיך דאווענען מינכע[226].

ער קאָן אָבער נישט — נישט לערנען, נישט דאווענען, גאָרנישט! ווי א זילבערן גלעקל קלינגט אין אים דער ניגון! דער מענטש האלט עס נישט אויס! ער גייט מאמעש אויס פאר צאר[227]! עס גייט אוועק א טאָג, א צווייטער, א דריטער — ער פאלט שיר נישט אין א מאָרעשכוירע[228] ארײַן... ער פאסט טאנייסים[229] — עס העלפט נישט! ער קאָן

221 נאכעס [נחת] радость, удовольствие

222 כצופע [חצופה] бесстыдница

223 מײַסע נוירע [מעשה נורא] страшное дело

224 קויעך [כוח] сила

225 סוגיא [סוגיא] талмудический вопрос

226 דאווענען מינכע [מנחה] читать послеполуденную молитву «минха»

227 גייט מאמעש [ממש] אויס פון צאר прямо выходит из себя от горя

228 מאָרעשכוירע [מורא שחורה] меланхолия

229 טאנייסיק [תעניתים] религиозные посты

דעם ניגון נישט פּאָטער ווערן![230] ער וועקט אים באַנאַכט פון שלאָף.

און דאָס איז א מענטש, וואָס האָט, זינט ער לעבט, קיי־מאָט קיין קאָל־נעגינע[231] פון זיך נישט ארויסגעגעבן! שאַ־בעס פלעגט ער די זמירעס[232] אָפּזאָגן און אפן אָרט פון זינגען — לערנען א בלאט געמאָרע!

פארשטייט ער דאָך, אז עס איז נישט פּאָשעט![233]

„מײַסע סאָטן!"[234] טראַכט ער און פאלט בא זיך אָפּ גאָר אינגאנצן.

דאַכט זיך, אז אצינד מוז מען שוין פאָרן?

פרעגט אָבער דער יעיצערהאָרע: יאָ, פאָרן, נאָר וווּהין? צאדיקים איז דאָ א סאך, — וועלכער איז דער עמעסער צא־דיק, בא וועמען קאָן מען בעעמעס[235] א פולע האָבן? הייבט אָן דער לאמדן צו קלערן.

באקומט ער נאָך א ווונק פון אויבן.

מאכט זיך א מײַסע, און רעב דאָווידל טאלנער מוז אוי־קער זײַן[236] און פאָרן איבער ראדזיוויל...

די מײַסע פון דער מעסירע[237] ווייסט איר אוודע. און זאָגן זאָג איך אײַך, אז עס איז אן אוינעש[238] געווען! מע האָט נישט געדארפט ארויסגאנווענען רעב דאָווידלען פון וואסילקאָוו און פירן קיין טאלנע; מע האָט נישט געדארפט

230 פּאָטער [פטור] ווערן — избавиться, освободиться
231 קאָל־נעגינע [קול נגינה] — пение
232 זמירעס [זמירות] — гимны, субботние песнопения
233 פּאָשעט [פשוט] — просто
234 מײַסע סאָטן [מעשה שטן] — козни дьявола
235 בעעמעס [באמת] — в действительности
236 אויקער [עוקר] זײַן — уходить навсегда из этого дома
237 מעסירע [מסירה] — донос
238 אוינעש [עונש] — наказание

מעווײַעש[239] זײַן קיין שטאָט! און כאָרעוו ווענִיכרעוו[240] איז דאָס וואסילקאָוו, נעבעך, געוואָרן!

די גאסטהײַזער האָט מען פארמאכט; ארום און ארום די קרעטשמעס זײַנען באָטל געוואָרן! אד קיקאָר לעכעם[241] זײַנען זיי, לוי־אלייכעם, געקומען...

נא דיר! מאסערט[242] מען, און טאלנע ווערט אויך כאָרעוו!

רעב דאָווידל האָט געהאט א גאָלדענע שטול מיט אַן אויסגעקריצטן פּאָסעק[243]: דור מלך ישראל חי וקים[244]! מאכן מאָסרים דערפון א פּאָליטיקע, און עס שלאָגט אָן אין פּעטערבורג...

מײלע, מיר ווייסן, אז עס איז געווען בבחינת: מאן מלכי רבנן...[245] נאָר גיי פארטײַטש עס די גענעראלן אין פּעטערבורג!

אקלאל[246], רעב דאָווידל מוז אויקער זײַן, האלט ער, דורכפאָרנדיק, שאבעס אין ראדזיוויל, און אונדזער ראדזיווילער לאמדן גייט לעמאזל[247] צום שאלעשסודעס![248]

דער יעיצערהאָרע גיט זיך אָבער נאָך נישט אונטער. ער קומט ארײַן און זעט א קליין יידעלע, טאקע א פּיצל יידעלע זיצט אויבנאָן באם טיש, מע זעט נישט מער ארויס נאָר א

---

239 מעווײַעש [מביש] זײַן — обвинять, стыдить

240 כאָרעוו ווענִיכרעוו [חרוב ונחרב] — разорен и разрушен

241 אד קיקאָר לעכעם [עד ככר לחם] — *зд.* дойти до сухого хлеба

242 מאסערט [מסרט] — доносит

243 פּאָסעק [פסיק] — стих из библии

244 דור מלך ישראל חי וקים! — Давид, царь Израиля, живет и существует!

245 בבחינת: מאן מלכי רבנן — в смысле: это значит ученые

246 אקלאל [אכלל] — в общем

247 לעמאזל [למזל] — на счастье

248 שאלעשסודעס [שלוש סעודות] — третья субботняя трапеза

גרויס, גאָר א גרויס שטרײַמל מיט זילבערנע האָר, וואָס פאלן אים אפן פּאָנעם![249] מע זיצט שווײַגנדיק, מע זאָגט קיין טוירע נישט... אנטפאלט אים טאקע, דעם לאמדן, דאָס הארץ...

„דאָס איז עס און גאָר?" טראכט ער, דער לאמדן.

נאָר רעב דאָווידל האָט אים שוין דערזען און גיט א זאָג: — זעץ דיך, לאמדן.

און בעויסוי האָרעגע[250] איז ער שוין צו־זיך געקומען. ער האָט שוין געכאפּט רעב דאָווידלס א בליק, עס האָט אים שוין א ברי געטאָן[251] בא דער נעשאָמע!

איר האָט אוואדע געהערט פון טאלנערס אויגן! אין זײַנס א בליק האָט געשטעקט אי סראָרעס[252], אי קדושע[253], אי גוורע[254]; וואָס איר ווילט, האָט אין בליק געשטעקט!

און אז רעב דאָווידל זאָגט: „זעץ דיך", מאכט מען שוין דעם לאמדן אן אָרט באם טיש. זעצט ער זיך און וואַרט.

און אז רעב דאָווידל זאָגט ווײַטער:

— מען איז מעכאבעד[255] דעם לאמדן מיט א ניגן! — אנ־פאלט אים דער מוטערס מילך: ער — און א ניגן...

נאָר עמעץ דערלאנגט אים שוין אין פּלייצע: אז רעב דאָווידל הייסט, זינגט מען! מיילע, זינגט ער!

און ער הייבט, נעבעך, אָן מיט א ציטער; און ער שטאמלט קוים ארויס א האסכאָלע[256] פון א ניגן. און וואָס

249 פּאָנעם [פנים] — лицо
250 בעויסוי האָרעגע [באותו הרגע] — в эту минуту
251 ברי טאָן — обжечь
252 סראָרעס [שררות] — власть
253 קדושע [קדושה] — святость
254 גוורע [גבורה] — сила, могущество
255 מעכאבעד [מכבד] זײַן — угощать
256 האסכאָלע [התחלה] — начало

ווילן ער זינגען, דער לאמדן? מינאסטאם דער יעסוימעס ניגן;[257] קיין אנדערן קאָן ער נישט! און ער ציטערט, און שטאמלט, און זינגט. און דער ניגן ווערט שוין ווײַטער אן אנדערער! ער האָט שוין א רייעך־טוירע[258] א יעניקע[259] פון קדושאס שאבעס[260] מיט א הירהור טשוווע[261] פון א ייִד א לאמדן... און זינגענדיק, דערפילט ער, דער לאמדן, דעם ניגן און הייבט אָן וואָס א רעגע[262] בעסער און פרײַער צו זינגען[...]

און עס ווערט דעם ניגן שוין ענג אין שטוב, און ער רײַסט זיך דורך די פענצטער אין גאס ארײַן! און עס גיסט זיך אין גאס ארײַן! און עס גיסט זיך אין גאס ארײַן א יאם פון קדושע[263], פון פײַערדיקער קדושע; און ניוהעל־ווענישטוימעם[264] רופט דער אוילעם אין גאס:

— דער יעסוימעס ניגן! דער יעסוימעס ניגן!

דער ניגן האָט באקומען טיקן, און דער לאמדן אויך.

פארן אוועקפאָרן האָט אים רעב דאָווידל אוועקגענומען אין א זײַט און געזאָגט א פאָר ווערטער.

— לאמדן, — האָט ער אים געזאָגט, — האָסט מעווײַעש געווען א באס־ייִסראָעל! דו ביסט אפן שוירעש[265] פון

---

257 יעסוימעס ניגן [יתומת ניגון] — мелодия сироты

258 רייעך־טוירע [ריח תורה] — запах торы

259 יעניקע [ינקה] — питание

260 קדושאס־שאבעס [קדושת שבת] — святость субботы

261 הירהור טשוווע [הרהור תשובה] — мысль о покаянии

262 רעגע [רגע] — минута

263 קדושע [קדושה] — выйти из себя

264 ניוהעל־ווענישטוימעם [נבהל ונשתומם] — легендарная огненная река Динур

265 שוירעש [שורש] — волны, полы

איר ניגן קיין מייוון[266] נישט געווען! האָסט זי געררופן כצופע!

— גיט מיר, רעבע, א טשוווע[267] דערויף, — בעט זיך דער לאמדן.

— נישט נייטיק, — מאכט דער רעבע, — ויכרוינוי ליוורראָכע[268], אפן אָרט פון טשוווע טו בעסער א מיצווע!

— וואָס פאר א מיצווע, רעבע?

— מאך דאָס מיידל כאסענע; האכנאָסעס־קאלע איז א גרויסע מיצווע!

און צינד[269] הערט די צווייטע זײַט פון דער מײַסע:

אין עטלעכע יאָר שפּעטער, אז דאָס מיידל האָט שוין לאנג כאסענע געהאט מיט אן אלמען א סויפער, איז מען ערשט געוואָר געוואָרן, פונוואנען זי קומט ארויס!

עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דאָס מיידל איז דעם אלטן קאצנערס אן איינ־יקל! און די מײַסע איז אזוי געווען:

דער איידעם[270] זײַנער, דער קיעווער, איז זיך אמאָל געגאנגען מיטן ווײַב אין טעאטער ארײַן אף א גאנצן אָוונט. און טאקע דעם אָוונט האָט מען בא זיי אוועקגעגאנווערט דאָס איינציקע קינד...

נאָר אָפּגעבן זיי די טאָכטער האָט מען שוין נישט געקאָנט...

די מוטער האָט שוין לאנג ניט געלעבט, און דער פאָטער איז שוין לאנג געווען אין אמעריקע...

---

266 מייוון [מבין]	знаток
267 טשוווע [תשובה]	*зд.* ответ; покаяние
268 זיכרוינוי ליווראָכע [זכרונו לברכה]	благославенна память его
269 צינד	теперь
270 איידעם	зять

ОШЕР ШВАРЦМАН
(1889—1919)

Выдающийся еврейский поэт Ошер Шварцман родился в селе Вильня на Украине, расположенном в живописном месте на тракте Киев — Житомир. Детство он провел в лесных поселках, где его отец служил у лесопромышленника. Соседями Шварцманов была семья тестя великого поэта Хаима-Нахмана Бялика. Каждый год Бялик подолгу гостил у своего тестя, и молодой Шварцман общался с ним. В 1905 году Ошер переехал в Киев, затем учился некоторое время в Житомире в Коммерческом институте. Первые стихи его написаны на украинском языке, затем он пробовал писать на иврите, но в конце концов выбрал идиш.



Период с 1908 по 1911 год поэт провел в Киеве, где в то время начал складываться кружок молодых еврейских прозаиков, поэтов, критиков. В него входили поэты Давид Гофштейн (двоюродный брат Шварцмана), Перец Маркиш, прозаик Давид Бергельсон, критики Нахман Майзель и Нохэм Ойслендер. До нас дошло всего несколько стихотворений Шварцмана этого периода — многие произведения не сохранились.

В 1911 году Шварцман был призван на военную службу. До 1914 года его кавалерийская часть располагалась в Польше. С самого начала первой мировой войны он был на фронте. В 1915 году получил ранение. Служба в царской армии заканчивалась для него в 1917 году, он вернулся в Киев, работал коррректором в еврейской газете. В 1919 году вступил в Красную Армию и через несколько месяцев погиб в бою.

Поэтическое наследие Шварцмана невелико — немногим более 60 стихотворений. Они закрепили за своим автором место основоположника советской еврейской поэзии.

אָשער שוואַרצמאַן

* * *

די נאכט האָט באדעקט מיך מיט פינצטערע פליגל,
און ווידער מיך הילט לאנג פארגעסענע רו...
...און ס'דוכט מיר, אין סאמע מיט פעלד אויף די קני
שטייט עמעץ א גוטער, און פליסטערט, און בעט:
— מײַן גאָט, אויב געווען איז דײַן צאָרן אויף זיי,
וועט איצט דײַן ראכמאָנעס ניט זײַן נאָך צו שפּעט,
דעם רײַטער, וואָס בלאָנדזשעט באנאכט אָן א וועג,
די דאָרפישע פײַערלעך ציגנד אָן צוריק;
אין שטעטל, וואָס שטייט דאָ פארפינצטערט און שטום,
איין זיכערן, לויכטנדן פענצטער קער אום.
און יענע, וואָס טרעפן באנאכט זיך ווי פײַנט,
צי ווייסטו ס'געבעט, וואָס זיי ריכטן געהיים?
זיי פליסטערן שטיל: „כ'בין ניט שולדיק... גענוג!
קער אום מיך, מײַן גאָט, צו פארלאָזענער היים!..״
ווען ס'איז שוין אין שײַער קיין איינציקע שטרוי,
פארוואָס זאָל נאָך שטיין ניט געאקערט דאָס פעלד?
און אָרעמע שטעטעלעך אויסגיין אָן ברויט
דערפאר, וואָס די וועגן מיט מוירע פארשטעלט?..

פרילינג, 1915

Ошер ШВАРЦМАН

* * *

Окутала ночь меня темным крылом,
Опять о покое напомнив былом...
...И кажется, кто-то, затерянный в поле,
Взывает, молитвенно руки воздев:
«Мой бог, снизойди к человеческой боли,
Будь милостлив к тем, кто изведал Твой гнев.
Для всадника, что пробирается чащей,
Как прежде, окошко зажги на пути:
Немому местечку надежно светящий
Хотя бы один огонек возврати.
А те, кто, оружье держа наготове,
Во мраке столкнулись теперь как враги,
Не шепчут ли втайне: «Мой Бог, помоги
Вернуться домой!.. Неповинен я в крови...»
Когда не осталось и зернышка впрок,
И гибнут местечки без хлеба, должно ли
Сегодня стоять невозделанным поле
В кольце загороженных страхом дорог?..»

Весна 1915

זעונג

איצט, ליבסטע, קום!
דעם נאָוויס וואָרט האָט אופגעהויבן זיי
פון גריבער און פון זומפּן.
פון קוואָרים אָרעמע
אַף באָרג און טאָל פון לענדער פיל
שטייט אוף א כאַיל גרויס מיט ליב און מיט געזאַנג,
און ווער מיט טרערן האָט געזייט דאָס פעלד פון טויט,
דער קערט מיט פרייד צום שניט צום נייעם...
זיי גייען קיטעסווייז, ווי סטאַדעס יונגע הירשן,
זיי גייען קייטנווייז, ווי רייען פון מאַלאָכים.
מיט זיי דער שטאָלצער גייסט,
וואָס רוט אַף שווייגנדיקע פאַלקן,
דער רויש פון באַטארייעס לויפנדע מיט זיי.
און דו, מיין בלוילער־ווייסע קאַלע,
מיט מיר קום אוף
אנטקעגן מיינע שטראַלנדיקע ברידער,
קום אויסלייזן דיין אָרעם־טרויעריקן לייב
אין יאַם פון ווייסן און פאַרגעבן,
אין לעבן, וואָס האָט טויט דורך טויט באַזיגט,
וואָס טראָגט זיין בליענדיקן בעכער דורך
דורך פייער און דורך בלוט.
באַהעפטן וויל איך דיך
צו ליד, וואָס טוט שוין שאַלן,
ווי טויזנט וואַסערפאַלן.
וואָס הימלען טרייסלען אוף.

1917 — 1918

ВИДЕНИЕ

Теперь приди, возлюбленная!
Видишь,
Слова пророка поднимают их
Из ям и топей.
Из нищенских могил
На склонах гор и в сумрачных долинах
С хвалой и песней воинство встает.
И кто в слезах засеял поле смерти —
Ликуя, возвращается теперь
Для новой жатвы... Вот они идут,
Стремительны, как юные олени,
Как легионы ангелов, светлы.
И гордый дух
Ведет их молчаливые полки,
И гром орудий их сопровождает.
Лазурная невеста, обрати
Лицо навстречу лучезарным братьям.
И тело скорбное омой
Познаньем и прощеньем в море жизни,
Которая попрала смертью смерть
И вновь сверкающую чашу
Проносит сквозь огонь и кровь.
В предназначении высоком
Отныне ты едина с песней будь,
Что низвергается потоком,
Как водопад с небес.

1917—1918

* * *

אַפּט אין שפּעטיקע מינוטן,
ווען פון אומרו קלערט זיך סטאַם,
שטעלט א שטורעם־נאַכט מיר פאַר זיך
ערגעץ ווײַט אף ברייטן יאַם.

און איך זע: א מאַכנאָ שיידים
אין דעם טהוימים־שפּילערײַ
שלעפּט אַרום א שוואַרצן קאַסטן
מיט א ווילד געפילדערײַ.

און פון קאַסטן שפּריצן קוילעס
און א ביטער ווייגעשריי,
גלײַך א וועלט איז דאָרט פאַרשלאָסן
מיט איר גאַנצן ווינד־און־וויי.

אַט־אָ זינקט אין טיף דער קאַסטן,
אַט־אָ שווימט ער אוף פון טהאָם,
און מיט ווידערקוי׳ך און ווייטיק
גייט ס׳געשריי ווי פון א סדאָם.

ס׳קרעכצט דער יאַם אין פולן ווייטיק,
ס׳רײַסט דער שטורעם קוואָרים אײַן...
העכער, טיפער פון זייביידן
איז דער קלאָג פון מענטשן־פּײַן...

קיִעוו, 1918

* * *

В поздний час, тревоге вторя,
Перед взором предстает
Чернота ночного моря,
Бури яростный налет.

Там, в кипящей круговерти
Вижу скопище голов —
Черный ящик тащат черти,
Адский празднуя улов.

А из ящика, истошен,
Крик простерся над волной,
Будто мир в пучину брошен
С грузом горести земной.

Вот проглочен, как могилой,
Вот возник из глубины
Ящик тот, и с прежней силой
Вопли скорбные слышны.

И, кипя в порыве диком,
Стонут пенные столбы,
Заглушаемые криком
Человеческой мольбы...

1918, Киев

פון ציקל „שאבעס"

בלומע יאכניס געשענקט

און סאמבאטיען דער טײַך ווערט געשטילט, ווערט געשטילט...
אין א בלוי־טונקעלן יאם זינקט פאמעלעך די זון.
אף אומענדלעכער ווײַט ליגן סטעפּעס באגילדט,
און אן ערעפּורכט בלוי־האָריזאָנטן פארהילט.

ס'איז א היר'ש שוין געקומען צו טרינקען פון טײַך,
ס'איז דאָס וואסער א לויטער־קרישטאָלענע דעק...
מיט א צוויי־ענדיק־ליכטיקער זעלע טרוים איך
פון א לאנד דאָרט אף יענעם באגילדעטן ברעג...

קיִעוו, 1918

ИЗ ЦИКЛА «СУББОТА»

Посвящается Блюме Яхнис

И уже утихает Самбатьон-река...
И степной горизонт золотят облака,
И, подобное зыблющейся пелене,
Темно-синее море в закатном огне.

Наклонился олень к лучезарной реке.
Чудный город мерещится мне вдалеке,
И мечтающий взор отвести не могу
От страны золотистой на том берегу...

1918, Киев

* * *

אין טריבן מענטשן־לאנד,
פאר דעם, וואָס פאלט שוין אונטער לאסט פון פלאָגן,
וואָס קאָן איך זאָגן?
פאר דעם, וואָס קילט מיט אש דעם ווי פון זיינע לײדן,
וואָס זאָל איך רײדן?

מיט אײנעם קלײד אף מײנע לענדן,
מיט קאָפּ אנטבלויזט,
מיט בלוט, וואָס אין מײַן הארצן ברויזט,
וועל איך צו וויסטעניש זיך ווענדן.
די הייל וועט זײַן מײַן וווינונג פון באנאכט,
און ווירבל־ווינט און מידבער־זאמד מײַן כאוור פון באטאָג...
און כ׳וועל אין לאנד צוריק ניט קערן,
ביזוואנען
איך וועל דאָס אויסלייז־וואָרט, דאָס פולע, ניט דערהערן.

קיעוו, 1919

* * *

В стране людской печали
Что в ответ
Скажу тому, кто изнемог от бед,
Кто пеплом гасит боль страданий?

Перед тем
Язык мой нем...
И гнев смиряя свой,
Я с непокрытой головой,
Нагим и нищим,
В пустыню устремлюсь. И станет мне жилищем
Обитель ветра и песка,
Палящий небосвод заменит крышу.
И к людям не вернусь до той поры, пока
Я слово избавленья не услышу.

1919, Киев

Перевод Валерия Слуцкого

זה השער לה' צדיקים יבאו בו
חומש
בראשית
תרגום אונקלוס
פירוש רש"י
בעל הטורים
שפתי חכמים
ווילנא
בדפוס והוצאות האלמנה והאחים ראם
שנת עת"ר לפ"ק
אל תשלח ידך
ХУМЕШЪ. Пятикнижіе Моисея. Томъ 1.

שאָלעם אַש

מײַסעלעך פֿון כומעש

דער גאַניידן

דאָס לאַנד, ווו אָדאָם און כאַווע האָבן געוווינט, איז געווען דער גאַניידן. די שענסטע פּרוכטן פֿון גאָר דער וועלט זײַנען דאָרט אויף די ביימער געוואַקסן, און די ערד, אָן געאַקערט און אָן געזייט, האָט באַלד ברוויט אַרויסגעגעבן. מע האָט ניט געדאַרפֿט די זאַנגען דרעשן, די קערנדלעך מאָלן, די מעל קנעטן, דאָס טייג באַקן, נאָר עס זײַנען באַלד פֿאַרטיקע געבאַקענע ברויטלעך און זעמל פֿון דער ערד אַרויסגעוואַקסן. און דער ווײַן איז ניט געווען, ווי הײַנט, אין ווײַנטרויבן, נאָר אין בעכער פֿון רויטע רויזן־בלעטער האָט ער געבליט, און מע האָט באַלד אים פֿון בעכער אַרויסגעטרונקען. און די פֿייגלען זײַנען געווען געפּוצט אין די שענסטע פֿעדערן און זײַנען אַרומגעפֿלויגן אין דער לופֿט און די זיסטע ניגונים געזונגען. און די כײַעס און די בעהיימעס זײַנען ניט געווען אַזוי נאַקעט, ווי הײַנט, נאָר זיי זײַנען געווען געפּוצט מיט בלומען־קליידלעך, געמאַכט פֿון רויזן־בלעטער און פֿון אַלערליי בלימלעך, וואָס וואַקסן אויף דער ערד. און עס איז קיינמאָל דאָרט קיין נאַכט ניט געווען — נאָר שטענדיק טאָג; און קיינמאָל ניט ווינטער געווען, נאָר שטענדיק האָט די זון געשײַנט. און דאָך איז ניט צו הייס געווען, ניט קאַלט און ניט וואַרעם, נאָר מיטל. די

זון האָט געשײַנט, און א ווינטל האָט געמילדערט די װאַרע־מע לופט.

אין דעם גאניידן זײַנען אָדאָם און כאווע ארומגעגאנגען נאקעט — און האָבן זיך ניט געשעמט איינער פארן צווייטן. אלץ האָט געהערט צו זיי. האָבן זיי געוואָלט טרינקען, האָבן זיי געגעבן נאָר א פּיפּס — זײַנען באלד צוויי טויבן אראָפּ־גענידערט און האָבן אין די מײַלער געהאלטן צוויי רויזן־בעכער מיט ווײַן. האָבן זיי געוואָלט וואנדערן איבער דער ערד, האָבן זיי נאָר געגעבן א ווונק — זײַנען באלד צוויי אָדלערס אראָפּגענידערט און האָבן זיי ארופגענומען אויף די פליגלען, זײַנען זיי געפלויגן איבער דער ערד. זײַנען זיי אָנגעקומען צו א יאם און האָבן געוואָלט אריבערשווימען די וואסער, האָבן זיי נאָר געגעבן א מאך — זײַנען פון וואַ־סער צוויי וואלפיש ארויסגעקומען; האָבן זיי זיך אויף די רוקנס פון די וואלפיש ארופגעזעצט און זײַנען דורכגע־שווומען דעם יאם.

נאָר אין דעם גאניידן זײַנען געווען צווייביימער. פון איינעם, אז מע האָט פון זײַנע פרוכטן געגעסן, האָט מען שטענדיק געלעבט, — דעריבער האָט מען אים גערופן „אייץ האכאים", דער „לעבנס־בוים". און פון צווייטנס פרוכטן, אז מע האָט געגעסן, האָט מען פון אלצדינג געוווּסט און מע איז קלוג געווען, — מאכמעס דעם האָט מען אים גערופן „אייץ האדאאס", דער וויסנס־בוים. און גאָט האָט אָנגעזאָגט די מענטשן: „פון אלע ביימער פון גאניידן מעגט איר פון זייע־רע פרוכטן געניסן, אויך פון דעם לעבנס־בוים — נאָר פון די פרוכטן פון דעם וויסנס־בוים זאָלט איר ניט געניסן. וואָרעם ווען איר וועט עסן פון זײַנע פרוכטן, וועט איר שטארבן".

אין דעם גאָרטן האָט זיך אויך געפונען, מיט אלע אנדע־רע כײַעס, די שלאנג. נאָר די שלאנג איז ניט געווען די

זעלבע, וואָס זי איז הײַנט, א קריכנדיקע מיטן בויך אף דער ערד. ניין, דענסטמאָל האָט זי נאָך פּיס געהאַט און איז ארומגעגאנגען צירלעך־מאנירלעך צווישן אלע ווערעם אין גאנײדן. געפּוצט אין איר זיבנפארביקער הויט, האָט זי גלײַך אויסגעצויגן דעם לאנגן געריפטן האלדז און מיט שטאָלצ־קײַט אראָפּגעקוקט אף אלע אנדערע ווערעם — זי האָט זיך אײַנגערעדט, אז זי איז די קליגסטע פון אלע אנדערע באַשעפענישן און קאָן זיי אלעמען ארײַננארן אין זאק ארײַן. קליגער איז זי אָבער ניט געווען, נאָר פאלשער און געטריבן אין שטעלן הינטערפּיסלעך. נאָר שטאָלץ איז זי געווען אף איר פאלשקײַט און אײַנגערעדט זיך אף אירע הינטערפּיסלעך, וואָס זי האָט געשטעלט אלע אנדערע באַשעפענישן. האָט זי ארומגעטראָגן א בייז הארץ אף אָדאָמען אויך, וואָס אָדאָם האָט גענומען זיך פאר א כאווערטע נישט זי, נאָר כאווען. און כאווען האָט זי פײַנט געהאַט ביז גאָר, נאָר פאלש איז זי געווען — האָט זי ניט ארויסגעוויזן איר פײַנט־שאפט, נאָר פארקערט, צוגעכאנפעט זיך צו כאווען מיט אירע פאלשע ריידעלעך.

— האָט אײַך גאָט פון אלעביימער ניט געהייסן עסן, וואָס געפינען זיך אין גאָרטן? — האָט זי אמאָל געפרעגט כאווען, ווען זי האָט געטראָפן נאָענט באַם אייץ האדאאס.

— ניין. פון אלע ביימער יאָ, נאָר פון דעם „אייץ הא־דאאס”, וואָס דורך אים קען מען וויסן, וואָס איז גוט און וואָס איז שלעכטס, האָט אונדז גאָט ניט געהייסן עסן און ניט אָנרירן דעם בוים.

— ווײַל ער ווייסט, אז קוים וועט איר עסן פון אים, וועט איר אזוי קלוג ווערן, ווי ער איז; איר וועט אויך קענען באשאפן וועלטן, ווי ער. — האָט די שלאנג געזאָגט און האָט, שפּילנדיק זיך, כאווען געגעבן א שטופּ צו צום „אייץ הא־דאאס”.

— וואָס טוסטו? — האָט כאַווע אויסגעשריגן.

— זעסטו, אָט האָסטו אָנגערירט דעם בוים, און דו ביסט ניט געשטאָרבן, — זאָגט די שלאַנג. — דאָס האָט דיך נאָר גאָט אַזוי געשראָקן. ער וויל ניט, אַז איר זאָלט אַזוי קלוג זײַן, ווי ער. — און זי האָט אָפּגעריסן אַ שיינעם שמעקנדיקן עפּל און האָט אים דערלאַנגט כאַוועןן.

כאַווע איז געווען אַ נײַגעריקע פרוי — האָט זי געוואָלט וויסן, וואָס עס וועט זײַן, אַז זי וועט עסן דעם עפּל. האָט זי גענומען פון שלאַנג דעם עפּל און געגעסן. האָט זי מוירע געהאַט, אַז זי וועט אַליין שטאַרבן, האָט זי נאָך אָנגערעדט אָדאָמען אויך — האָבן זיי ביידע פון דעם עפּל געגעסן.

ווי זיי האָבן נאָר פון דער פּרוכט געגעסן, זײַנען זיי באַלד זעענדיק געוואָרן און קלוג געוואָרן, און האָבן אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז עס איז ניט שיין אַרומצוגיין נאַקעט, און האָבן זיך אָנגעהויבן איינער פאַרן צווייטן צו שעמען. האָבן זיי זיך געניייט קליידלעך פון בלעטער און אָנגעטאָן זיך.

נאָר באַלד איז אַ שטאַרקער שטורעמווינט אָנגעקומען צו בלאָזן, און פון אים האָט זיך געהערט גאָטס שטים, און ער האָט גערופן:

— אָדאָם, אָדאָם, וואָס האָסטו געטאָן? צי האָסטו געגעסן פון דער פּרוכט פון בוים, וואָס כ׳האָב דיר געזאָגט, זאָלסט ניט עסן?

האָט אָדאָם געענטפערט:

— כאַווע האָט מיר געגעבן.

האָט גאָט גערופן:

— כאַווע, כאַווע, וואָס האָסטו געטאָן?

האָט כאַווע געענטפערט:

— די שלאַנג האָט מיך אָנגערעדט.

האָט גאָט געזאָגט צו אָדאָמען:

— אָדאָם, דו אָדאָם! דערפאַר, וואָס דו האָסט מיך ניט געפאָלגט און דו האָסט געגעסן פון בוים, — זאָלסטו מיט דעם שווייס פון דײַן געזיכט דײַן ברויט עסן, און שווער זאָלסטו אַרבעטן אויפן לעבן, און ניט אַזוי גרינג זאָל דיר דאָס ברויט אָנקומען.

האָט גאָט געשאָלטן צוליב אָדאָמען די ערד, און די ערד האָט שוין ניט אַרויסגעבראַכט קיין פאַרטיק ברויט; דער ווײַן איז שוין ניט צײַטיק געוואָרן אין רויזן־בעכער. נאָר שווער האָט אָדאָם געמוזט אַקערן די ערד, זייען און שנײַדן די זאַנגען. און פון דעמסטמאָל אָן האָבן פון דער ערד אָנגעהויבן אַרויסצוּוואַקסן די אַלע שטעכערס און דערנער, נאָדלען און ברענענדיק גראָז, וואָס ברענגען גאָר קיין נוצן ניט, נאָר זיי שטערן אָדאָמען אין דער אַרבעט און צעשטעכן אים די הענט און די פיס.

און צוויי פײַערדיקע מלאָכים האָבן אַראָפּגענידערט מיט שווערדן אין דער האַנט און האָבן אָדאָמען מיט כאַוּוען אַרויסגעטריבן פון גאַניידן, אַז ער זאָל גיין אויף דער וויסטער ערד, זי באַאַרבעטן, און האָבן זיך אוועקגעשטעלט מיט די שווערדן אין דער האַנט אויף דער וואַך באַם טויער פון גאַניידן, אַז זיי זאָלן זיי צוריק ניט אַרײַנלאָזן.

און די שלאַנג, וואָס האָט צוגערעדט כאַוּוען צו זינדיקן, האָט גאָט געשאָלטן, אַז זי זאָל פאַרלירן אירע פיס און אַרומקריכן אויף איר בויך, און ווײַל זי איז געווען אַזוי שטאָלץ און אײַנגערעדט זיך אויף איר שיינקײַט, זאָלן זיך מענטשן פאַר איר עקלען. און פון דעמסטמאָל האָבן מיר זי פײַנט, און זי האָט אונדז פײַנט.

דער ערשטער טויט

אז אָדאָם און כאַווע זײַנען פֿון גאַניידן אַרויסגעטריבן געוואָרן, האָבן זיי בײדע אָנגעהויבן צו אַרבעטן: אָדאָם האָט באַאַרבעט די ערד, און כאַווע האָט געפֿירט די שטוב. זיי האָבן זיך בײדע ליב געהאַט. אַז זיי האָבן זיך ליב געהאַט, האָבן זיי געבוירן צוויי זין, קאַיִן און העוול. אַז די קינדער זײַנען גרויס געוואָרן, האָבן זיי געזאָגט איינער צום צווייטן: „קום, לאָמיר זיך צעטיילן די וועלט" — האָט קאַיִן גענומען זיך די גאַנצע ערד, און העוול האָט זיך גענומען אַלע שעפּסן, וואָס זײַנען געווען אויף דער ערד.

מיט דער צײַט האָט העוול געבראַכט אַ מאַטאָנע גאָט פֿון זײַנע שעפּסן, און קאַיִן האָט געבראַכט אַ מאַטאָנע גאָט פֿון די פּרוכטן פֿון זײַן ערד. האָט גאָט העוולס מאַטאָנע צו־גענומען און קאַיִנס מאַטאָנע האָט ער ניט צוגענומען. פֿאַר־וואָס, ווייסן מיר ניט.

האָט עס קאַיִנען פֿאַרדראָסן, און ער האָט זיך אָנגעהויבן קריגן מיטן ברודער. קאַיִן האָט ניט געלאָזט העוועלן די שעפּסן פּאַשען אויף זײַנע פֿעלדער: „די ערד געהער צו מיר", האָט ער געזאָגט. האָט העוול ניט געוואָלט קיין שעפּסן־וואָל קאַיִנען געבן: „די שעפּסן געהערן צו מיר". — „גיי דיר אין דער לופֿטן דײַנע שעפּסן פּאַשען!" — „גיי דיר צו דער ערד, זאָל זי דיר וואָל אויף אַ קלייד געבן. ווי זיי האָבן זיך געקריגט, אַזוי האָט קאַיִן גענומען אַ שטיק האָלץ און דערמיט דערשלאָגן העוועלן אויף טויט.

אַז העוול איז געפֿאַלן, האָט קאַיִן ניט געוווּסט, וואָס דאָס איז אַזוינס. דער טויט איז נאָך דענסטמאָל ניט געווען אויף דער וועלט, און זיי האָבן ניט געוווּסט, אַז מענטשן שטאַרבן. האָט קאַיִן געמיינט, אַז העוול שלאָפֿט. אַז עס איז

פאַרנאַכט געוואָרן, האָט קאַיִן געוואָלט אַהיים גיין, האָט ער העוועלן געוועקט: „שטיי אויף, קום אַהיים! די נאַכט איז שוין צוגעפאַלן". האָט זיך העוול גאָרנישט אָנגערופן. האָט אים קאַיִן אויף די הענט גענומען און געוועקט: „שטיי אויף, ברודער העוול". אָבער העוול איז טויט צוריק געפאַלן. האָט זיך קאַיִן זייער דערשראָקן און ניט געוווּסט, וואָס דאָס איז אַזוינס. האָבן אים טראָפּנס וואַסער פון די אויגן אָנגעהויבן צו רינען — האָט ער די טראָפּנס אויף דער האַנט אויפגעהאַלטן און זיי אָנגעקוקט און ניט געוווּסט וואָס דאָס איז אַזוינס.

גראָד דעמאָלט איז דורכגעגאַנגען דורכן פעלד דער פוקס. דער פוקס איז דער קליגסטער פון אַלע כּײַעס — האָט אים קאַיִן געפרעגט:

— דו פוקס, וואָס דו ביסט געווען, בעשאַס מײַן פאָטער אָדאָם איז אויף דער ערד אָנגעקומען, ווייסטו ניט, וואָס דאָס איז אַזוינס, וואָס מײַן ברודער הייבט זיך ניט אויף? און וואָס באַטײַטן די טראָפּנס, וואָס פאַלן מיר פון די אויגן?

— דאָס איז דער טויט! — האָט דער פוקס אָפּגעענטפערט. — זינט דײַן מוטער כאַווע האָט פון דעם אייץ האַדאַאַס געגעסן, איז דער טויט געקומען אויף דער וועלט. און די טראָפּנס, וואָס פליסן פון דײַנע אויגן, זײַנען טרערן. וואָרעם מיטן ערשטן טויט איז די ערשטע טרער געקומען אויף דער וועלט.

אַז קאַיִן איז געוואויר געוואָרן, אַז זײַן ברודער איז טויט, איז ער אַנטלאָפן און האָט באַהאַלטן זיך אין אַ גראָבן פון זײַן ערד. איז גאָט שטים געקומען אָנצולויפן און האָט אים געפרעגט:

— קאַיִן, וווּ איז דײַן ברודער?

האָט קאַיִן אָפּגעענטפערט:

— איך ווייס נישט. בין איך דען אַ היטער פון מײַן ברודער?

האָט גאָט געזאָגט:

— פאַר וועמען באַהאַלטסטו דיך? דײַן ברודערס בלוט שרײַט דאָך צו מיר פֿון דער ערד אַרויס.

און גאָט האָט אים פֿאַרשאָלטן און האָט צו אים אַזוי געזאָגט:

— דערפֿאַר, וואָס די ערד האָט צוגענומען דײַן ברודערס בלוט, זאָלסטו זײַן פֿאַרשאָלטן אויף איר, אַרומוואָגלען זאָלסטו איבער איר, און זאָלסט אין קיין אָרט קיין רו ניט געפֿינען.

האָט זיך קאַין געבעטן בײַ גאָט: „מײַן זינד איז טאַקע זייער א שווערע. אָבער וויאַזוי זאָל איך איבער דער ערד אַרומוואָגלען אַליין, אַז דו האָסט מיך פֿאַרשאָלטן? איצט, ווער עס וועט מיך טרעפֿן, דער מעג מיך צו טויט שלאָגן“.

האָט גאָט געמאַכט א צייכן אויף זײַן שטערן, אַז מע זאָל אים אויס דעם וועג גיין און ניט הארגענען.

האָט קאַין געלאָזט זיך וואָגלען איבער דער ערד. ווו ער איז געגאַנגען, האָט די ערד געציטערט אונטער זײַנע פֿיס. און די בהמות און די חיות, אַז זיי האָבן דערזען דעם צייכן אויף זײַן שטערן, זײַנען זיי אַנטלאָפֿן פֿאַר אים און באַהאַלטן זיך. אַזוי האָט קיין לעבעדיקער נפֿש ניט געוואָלט זײַן נעבן אים, אַלע זײַנען אים אויס דעם וועג געלאָפֿן. איז אים דאָס לעבן פֿאַרמיאוסט געוואָרן. ביז א מענטש איז אָנגעקומען, וואָס האָט אים פֿאַר א חיה געהאַלטן און אים דערשאָסן.

דערנאָך, אַז אָדאָם מיט חוהן האָבן געפֿונען הבֿלס טויטן קערפּער, האָבן זיי ניט געוווּסט, וואָס צו טאָן מיט אים. ווײַל עס איז נאָך ביז דאַן קיין מענטש ניט געשטאָרבן — האָבן זיי ניט געוווּסט, ווי צו באַגיין זיך מיט א טויטן. פּלוצלינג האָבן זיי דערזען, ווי א ראָב איז אָנגעקומען צו פֿליען און האָט אין זײַן שנאָבל געהאַלטן א טויטן פֿויגל. און דער ראָב האָט אויסגעגראָבן אין דער ערד מיט

זײַן שנאָבל א גריבל און באהאלטן דערין דעם טויטן פויגל. האָבן זיי פארשטאנען, אז די טויטע געהערן צו דער ערד, — האָבן זיי אויסגעגראָבן א גרוב און העוועלן באגראָבן. פון דענסטמאָל אָן באהאלט מען אלע געשטאָרבענע אין דער ערד. דען פון דער ערד איז געקומען דער מענטש, און צו דער ערד גיט מען אים צוריק. און פון די מענטשן, וואָס מע באהאלט אין דער ערד, וואקסן דאָס ארויס אין זומער די אלע בלומען, גרעזער און געוויקסן אף אלע פעלדער און אלע וועלדער איבער דער גאנצער ערד.

СОСТАВ БИБЛЕЙСКИХ КНИГ

Библия делится на три раздела. По-древнееврейски она называется «Танах» (аббревиатура из первых букв названий разделов «Тора», «Невиим», «Кетувим».

Тора («Учение» или «Закон»), или Пятикнижие Моисея, состоит из книг «Бытие», «Исход», «Левит», «Числа и Второзаконие» (по-древнееврейски соответственно «Берейшит», «Шемот», «Ваикра», «Бамидбар» и «Деварим»).

Второй раздел называется «Пророки» («Невиим») и включает исторические книги — Иисуса Навина («Йегошуа»), Судей («Шофтим») и четыре «книги Царств». Первые две книги Царств называются «книгами Самуила» («Шмуэль»), а вторые две — «Царей» («Мелахим»). Книги Царей излагают древнюю историю евреев в Палестине до начала VI в. до н. э., а также включают в себя сборники речей пророков (Исайи, Иеремии, Иезекииля и др.).

Третий раздел — «Писания» («Кетувим») — состоит из собрания псалмов («Тегилим»), книги притч Соломона («Мишлей»), книги Иова, «Плача Иеримии» («Эйха»), поэтической «Песни Песней» («Шир гаширим»), двух книг «Хроник» («Диврей гайамим»), а также книг Руфь («Рут»), Эсфирь («Эстер»), Даниил («Даниэль»), Екклесиаста («Когелет»).

Шолом АШ

БИБЛЕЙСКИЕ ИСТОРИИ

ЭДЕМСКИЙ САД

Страна, в которой жили Адам и Ева, была райским садом. Там росли на деревьях самые прекрасные плоды со всего мира, а земля, которую не вспахивали и не засевали, приносила сразу хлеб. Не нужно было молотить колосья, молоть зерно, месить тесто и печь хлеб, — потому что из земли сами вырастали готовые испеченные хлебцы и булочки. И вино было не в виноградных ягодах, как сейчас, а в чашах из красных лепестков розы, подобных цветам, и его пили прямо из этих чаш. Птицы были украшены прекраснейшими перьями, они летали по воздуху и пели сладчайшие песни. А звери и домашние животные не были такими голыми, как сейчас, а были наряжены в цветочные платья, сделанные из лепестков роз и всевозможных цветов, растущих на земле. И там никогда не было ночи — всегда день, и никогда не было зимы, но всегда светило солнце. Там не было слишком жарко или холодно, а было умеренно тепло. Светило солнце, и ветерок смягчал теплый воздух.

В Эдемском саду Адам и Ева гуляли обнаженными — и не стыдились друг друга. Все принадлежало им. Хотели они пить — им стоило только открыть рот, и сразу спускались два голубя, держащих в клювах две розовые чаши с вином. Если они хотели путешествовать

Подстрочный перевод *М. Крутикова*

над землей, им достаточно было кивнуть, и спускались два орла, брали их на крылья, и они летели над землей. Когда они подходили к морю и хотели переплыть его, то им нужно было только махнуть, и из воды выплывали два кита, они садились на спины китов и переплывали море.

Но было в Эдемском саду два дерева. Тот, кто поест плодов одного дерева, будет жить вечно — поэтому его назвали «дерево жизни». А кто поест плодов второго дерева, тот становился всеведущим и мудрым — поэтому это дерево назвали «деревом познания». И Бог сказал людям: «Со всех деревьев Эдемского сада вы можете есть плоды, также и с дерева жизни, но плодов дерева познания вы не должны есть. Потому что если вы поедите от его плодов, вы умрете».

В саду находилась также, вместе со всеми прочими зверями, змея. Но змея эта не была такой, как теперь, ползающей на животе по земле. Нет, тогда у нее еще были ноги, и она прохаживалась с изяществом среди всех пресмыкающихся в Эдемском саду. Наряженная в свою семицветную шкуру, она сразу вытягивала свою длинную шею и с гордостью поглядывала на всех прочих ползающих. Она внушила себе, что она самая умная из всех созданий и может их всех обмануть. Но она не была умнее других — она была просто лживее и способнее на разные фокусы. Она гордилась своей лживостью и высоко ценила свои фокусы, которые она вытворяла со всеми прочими созданиями. Она затаила зло и на Адама за то, что тот выбрал себе подругой не ее, а Еву. Еву же она не любила больше всех, но так как она была лживой, то не показывала своей вражды, а наоборот, старалась подольститься к Еве своими лживыми речами.

— Разве Бог не разрешил вам есть со всех деревьев, которые растут в саду? — однажды спросила она Еву, встретив ее около дерева познания.

— Нет. Со всех деревьев можно, а с «дерева познания», через которое можно узнать, что хорошо и что плохо, Бог не разрешил нам есть и даже дотрагиваться до него.

— Потому что он знает, что как только вы съедите от него, вы станете такими же умными, как и он; вы тоже сможете создавать миры, как он, — сказала змея и шутя подтолкнула Еву к «дереву познания».

— Что ты делаешь? — воскликнула Ева.

— Видишь, вот ты дотронулась до дерева и не умерла, — сказала змея. — Это Бог тебя только так пугает. Он не хочет, чтобы вы стали такими же умными, как он.

И она сорвала прекрасное душистое яблоко и протянула его Еве.

Ева была любознательной женщиной — она захотела узнать, что будет, если она съест яблоко. Она взяла яблоко у змеи и съела. Она боялась, что умрет, и поэтому уговорила и Адама — и они оба поели от яблока.

Как только они съели этот плод, они сразу стали видящими и умными, и начали понимать, что нехорошо расхаживать голыми, и начали стыдиться друг друга. Они сшили себе одежду из листьев и оделись.

Но скоро поднялся сильный ветер, и из него послышался голос Бога, и он позвал: — «Адам, Адам, что ты сделал? Не ел ли ты от плода дерева, о котором я тебе сказал, что ты не должен есть?»

Адам отвечал: «Ева дала мне».

Бог сказал: «Ева, что ты сделала?»

Ева ответила: «Змея уговорила меня».

Бог сказал Адаму: «Адам, Адам! За то, что ты не послушался меня и поел с этого дерева, ты будешь в поте лица своего есть хлеб твой, и будешь тяжело работать ради своей жизни, и не так легко будет тебе доставаться хлеб твой».

Бог проклял из-за Адама землю, и земля уже не приносила готового хлеба, вино уже не было готовым в ро-

зовых чашечках. Адам должен был тяжело трудиться — пахать землю, сеять и жать хлеб. И с тех пор стали вырастать из земли всякие колючки и терновник, сорные и жгучие травы, которые не приносят никакой пользы, а только мешают при работе и ранят руки и ноги.

И два огненных ангела спустились с мечами в руках и выгнали Адама и Еву из Эдемского сада на пустынную землю, чтобы они ее обрабатывали, и встали с мечами в руках на страже у ворот Эдемского сада, чтобы не пускать их обратно.

Змею же, которая уговорила Еву согрешить, Бог проклял, так что она потеряла свои ноги и стала ползать на животе, а за то, что она была такой гордой и уверенной в своей красоте, она должна была стать отвратительной людям. И с тех пор мы враждуем с ней, а она враждует с нами.

ПЕРВАЯ СМЕРТЬ

Когда Адам и Ева были изгнаны из Эдемского сада, они оба начали работать: Адам обрабатывал землю, а Ева вела хозяйство. Они любили друг друга. А так как они любили друг друга, то у них родились два сына, Каин и Авель. Когда дети выросли, они сказали друг другу: «Пойдем, поделим мир». Каин взял себе всю землю, а Авель взял всех овец, которые были на земле.

Со временем Авель принес дар Богу от своих овец, а Каин принес дар Богу от плодов своей земли. Бог принял дар Авеля, а дар Каина он не принял. Почему — мы не знаем.

Каин рассердился и начал враждовать с братом. Каин не позволял Авелю пасти овец на своих полях: «земля принадлежит мне», сказал он. Авель не захотел давать Каину овечью шерсть: «овцы принадлежат мне».

«Иди, паси своих овец по воздуху!» — «Иди к земле, пусть она даст тебе шерсти на одежду». Во время ссоры Каин взял палку и ударом убил Авеля.

Когда Авель упал, Каин не понял, что случилось. Смерти еще не было тогда в мире, и они не знали еще, что люди умирают. Каин подумал, что Авель спит. Когда настал вечер, Каин захотел пойти домой и стал будить Авеля: «Вставай, пошли домой! Уже наступила ночь». Но Авель не отзывался. Каин взял его на руки и будил: «Вставай, брат Авель» — но Авель, мертвый, упал обратно. Каин очень испугался и не понимал, что произошло. Капли воды потекли у него из глаз — он держал капли в руке, рассматривал их и не знал, что это такое.

Как раз тогда проходила полем лиса. Лиса — самая умная из зверей, и Каин спросил ее:

«Лиса, ты была, когда мой отец Адам пришел на землю, не знаешь ли ты, что это такое с моим братом, что он не встает? И что означают капли, которые падают из глаз?»

— Это смерть! — ответила лиса. — С тех пор, как твоя мать Ева поела от дерева познания, смерть пришла в мир. А капли, которые текут из глаз, — это слезы. Поэтому с первой смертью пришла в мир первая слеза.

Когда Каин понял, что его брат мертв, он убежал и спрятался в яме в своей земле. Голос Бога проходил по земле и спросил его:

— Каин, где твой брат?

Каин ответил: — Я не знаю. Разве я сторож моему брату?

Бог сказал: — От кого ты прячешься? Кровь твоего брата взывает ко мне от земли.

И Бог проклял его и так сказал ему:

— За то, что земля приняла кровь твоего брата, ты будешь проклят на ней, странствовать будешь ты по ней, и ни в каком месте не найдешь ты покоя.

6—1818

Каин попросил у Бога: «Мой грех очень тяжел. Но как могу я один странствовать по земле, если ты проклял меня? Теперь всякий, кто встретит, сможет меня убить».

Бог сделал ему знак на лбу, чтобы ему уступали дорогу и не убивали.

Каин отправился странствовать по свету. Куда бы он ни приходил, всюду земля дрожала под его ногами. А звери и домашние животные, когда они замечали знак на его лбу, убегали от него и прятались. И ни одна живая душа не хотела находиться рядом с ним, все убегали с его пути. Жизнь опротивела ему. Пока не пришел человек, который принял его за зверя и застрелил его.

Когда Адам и Ева нашли мертвое тело Авеля, они не знали, что делать с ним. Потому что до сих пор ни один человек не умирал и они не знали, как обращаться с мертвым. Вдруг они увидели, как прилетел ворон, в клюве он держал мертвую птичку. И ворон выкопал своим клювом ямку в земле и спрятал туда мертвую птичку. Они поняли, что мертвые принадлежат земле, — и они выкопали яму и похоронили Авеля. С тех пор хоронят всех умерших в земле. Потому что из земли вышел человек, и в землю он возвратится. А из людей, которых хоронят в земле, вырастают летом разные цветы, травы и растения, на полях и в лесах по всей земле.

די שטוב האלט זיך אף דער
באלעבאָסטע

(*Букв.* Дом держится на хозяйке)

ער האָט זיך גענומען אין די
הענט

(*Букв.* Он взял себя в руки)

שאָלעם קופּערשמיד

„האָבן" און „זײַן"

די פאַרגאַנגענהײַט־פאָרם פון ייִדישן ווערב בילדעט זיך, ווי באַוווּסט, אויף צווייערליי אופנים: דער פּאַרטיציפּ מיטן הילפוווערב „האָבן" אָדער דער פּאַרטיציפּ מיטן הילפוווערב „זײַן". די דאָזיקע פאָרמען האָבן אַ פאַרשיידענע אָפּשטאַמונג.

די פאַרגאַנגענהײַט מיט „זײַן" שטאַמט פון אַ נאָמינאַלן פּרעדיקאַט מיט אַן אַדווערב, ד.ה. דער פּאַרטיציפּ (צ.ב. „געקומען") איז דאָ אַרויסגעטראָטן אַלס אַדווערב. מיר קאָנען זיך נאָך הײַנט פאָרשטעלן דעם אַמאָליקן אַרט דענקען: מיר קאָנען זיך אָנשטרענגען און דענקען ב י ן ג ע ק ו מ ע ן אויפן מוסטער ב י ן ג ע ז ו נ ט, אָדער א י ז ג ע ש ט אָ ר ב ן אויפן מוסטער פון א י ז ט ו י ט, אַאַז.

ער איז געזונט — ער איז אַ געזונטער.
ער איז געקומען — ער איז אַ געקומענער.
די זון איז פאַרגאַנגען — די זון איז אַ פאַרגאַנגענע.
די אַרבעט איז געלונגען — די אַרבעט איז אַ געלונגענע.
ער איז טויט — ער איז אַ טויטער.

אין די זאַצן לינקס פילן מיר דאָ אַ נאָמינאַלן פּרעדיקאַט (מיט אַן אַדיעקטיוו), און אין די זאַצן רעכטס — פילן מיר נאָך הײַנט אויך אַ נאָמינאַלן פּרעדיקאַט (מיט אַן אַדווערב) — בײַ ג ע ז ו נ ט, ט ו י ט, אָבער די אַדווערבן פּאַרטיציפּן פילן מיר שוין אַלס טיילן פון אַ ווערבאַלער פאָרם — פאַרגאַנגענהײַט.

מע דאַרף דערבײַ אין זינען האָבן, אַז די פאַרבינדונג „זײַן" מיטן פּאַרטיציפּ איז ניט די איינציקע און ניט די עלטסטע פאָרם פון פאַרגאַנגענהײַט: ווען די פאַרבינדונג מיטן פּאַרטיציפּ איז אויפגעקומען, האָט דאָך שוין לאַנג עקזיסטירט (אין דײַטש) דער אימפּערפעקט (וואָס אין ייִדיש איז ער דערנאָך פאַרשוווּנדן).

א ביסל קאָמפּליצירטער האַלט עס מיט דער קאָנסטרוקציע מיט „האָבן‟, דאָ איז אויך דער פּאַרטיציפּ לעכאַטכילע געווען אַן אדוערב, און דער ווערב „האָבן‟ — א זעלבשטענדיקער (ניט באַהילפיקער), מיטן באַטײַט פאַרמאָגן, באַ־זיצן, דער אדווערב (פּאַרטיציפּ) האָט דאָ געהאַט א „טאָפּעלע ציִונג‟ — צום ווערב און צום אָביעקט. מע קאָן עס פאַרשטיין פון אזעלכע פאַרגלײַכן:

איך טרעף דעם כאַווער קראַנק.

איך הער די שוועסטער זינגענדיק.

(דה. איך טרעף אים אין א קראַנקן צושטאַנד; איך הער זי, ווי זי זינגט). אהער שליסט זיך אָן אויך אזא קאָנסטרוקציע:

איך האָב א פּאַרטפעל, באַקומען אַלס פּרעמיע, דה. איך האָב (פאַרמאָג) א פּאַרטפעל, וועלכער איז באַקומען געוואָרן אַלס פּרעמיע.

אזוי האָט מען אין אמאָליקער דײַטשישער שפּראַך אופגעפאַסט אויך א זאַץ, ווי: איך האָב א בוים אויסגעהאַקט.

דאָס האָט באַטײַט: איך האָב (פאַרמאָג, באַזיץ) א בוים אין אַן אויסגע־האַקטן צושטאַנד, איך פאַרמאָג א בוים אַן אויסגעהאַקטן. הייסט עס, די דאָ־זיקע קאָנסטרוקציעס זײַנען לעכאַטכילע ניט געווען קיין פאַרגאַנגענהײַטן:

ער האָט א הויז אויסגעבויט.

מיר האָבן א בער דערשאָסן.

איך האָב א געשאַנק באַקומען.

זיי האָבן באַטײַט: ער באַזיצט א הויז אַן אויסגעבויטע, אאַוו.

נאָר אזויווי קעדיי באַזיצן א הויז אַן אויסגעבויטע, דאַרף מען זי פריִער אויסבויען, קעדיי פאַרמאָגן א בער א דערשאָסענעם, דאַרף מען אים פריִער שיסן, איז נאַטירלעך, אז די דאָזיקע קאָנסטרוקציע איז אריבערגעוואַקסן אין א נײַער קאָנסטרוקציע — אין פאַרגאַנגענהײַט: „האָב‟ האָט פאַרלאָרן זײַן מאַ־מאָשעסדיקן באַטײַט און איז געוואָרן ביסלעכווײַז א הילפוורב, און דער פּאַר־טיציפּ האָט אופגעהערט זײַן סובאָרדינירט צום אָביעקט (וועלכער איז געווען סובאָרדינירט צו ה אָ ב ן) און איז, פאַרקערט, אַליין (צוזאַמען מיטן הילפוורב ה אָ ב ן) געוואָרן סובאָרדינירט בענעגייע דעם אָביעקט.

לעכאַטכילע האָט זיך אויסגעבילדעט די פאַרגאַנגענהײַט מיט ה אָ ב ן נאָר בא ווערבן, וואָס זייער אָביעקט איז אַן אייגנטום פונעם סוביעקט, ווי:

כ'האָב געבויט א הויז.

דערנאָך האָט מען אָנגעהויבן בילדן פאַרגאַנגענהײַטן מיט ה אָ ב ן אויך בא אנדערע טראַנזיטיווע ווערבן און לעסאָף אויך בא אינטראַנזיטיווע, כוץ אזעלכע, וואָס האָבן זיך פאַרבונדן מיט „זײַן‟.

הייסט עס, דער אונטערשייד צווישן די הילפוורבן בא דער פאַרגאַנגענ־הײַט איז לעכאַטכילע פאַרבונדן מיטן אונטערשייד צווישן די באַטײַטן פונעם

פארטיציפ (אלס אדווערב, אָדער מיט אדיעקטיווישער פלעקסיע — אלס אדיעקטיוו).

ער איז געקומען — ער איז א געקומענער.

ער האָט א בער געטייט — ער האָט א בער א געטייטן.

געקומענער הייסט אזא, וועלכער איז געקומען, דאָס איז אן אקטיווער באַטיַיט (ווי אין רוסיש пришедший), געטייט (ער) הייסט אזא, וועלכן מע האָט געטייט (ווי אין רוסיש убитый), דאָס איז א פאַסיווער באַטיַיט.

אויב דער פארטיציפ האָט אליין פאר זיך אן אקטיוון באַטיַיט, פארבינדט ער זיך, צו בילדן די פארגאנגענהײַט, מיטן זיַין; אויב ער האָט אליין פאר זיך א פאסיוון באַטיַיט, פארבינדט ער זיך, צוליבן זעלביקן צוועק, מיט האָבן (אויב ער האָט ניט קיין אקטיוון, ניט קיין פאסיוון באַטיַיט, דה. ער קאָן ביכלאַל ניט באַנוצט ווערן אלס אדווערב, צ. ב. געלאכט, פארבינדט ער זיך מיט האָבן — לויט דער מערהײַט ווערבן).

קאָלזמאַן די פארטיילונג פון האָבן און זיַין איז געווען באַזיניקט, איז זי געווען פעסט. אָבער די באַזיניקונג איז פארלאָרן געגאנגען. ווען מיר זאָגן הײַנט:

איך האָב געקויפט א בוך.

איך האָב געזען א כאַווער.

איך בין געקומען פון דער ארבעט.

איך בין ארויסגעטראָטן אף דער פארזאמלונג —

הייבן מיר עס ניט אָן צו דענקען אנדערש ווי פאַשעטע פארגאנגענהײַט־פאָרמען. דאָס איז פאר אונדז ניט:

איך האָב א בוך א געקויפטן.

איך האָב א כאַווער א געזעענעם.

איך בין א געקומענער פון דער ארבעט.

איך בין אן ארויסגעטראָטענער אף דער פארזאמלונג.

הייסט עס, די פארטיילונג פון האָבן און זיַין אלס קאָניוגאטיווע הילפווערבן איז פאר אונדז הײַנט — א פאָרם אָן אן אינהאלט.

אזא דערשײַנונג — פאָרם, אויסגעליידיקט פון דעם אינהאלט — טרעפט ווען־ניט־ווען אין דער שפראַך, צ. ב. דער מין פון סובסטאנטיוו.

אין דער שפראַך גייט אָן אלגעמיינער געזעץ: אז א פאָרם איז געוואָרן אינהאלטלאָז, שטרעבט זי געוויינטלעך צו פארשווינדן. עמעס, די טענדענץ קאָן אָפּנעמען לאנגע יאָרהונדערטער, ביז זי ווערט פארווירקלעכט.

מיר זעען אין ייִדיש א טענדענץ אויסצוגלײַכן די בילדונג פון פארגאנגענהײַט — בילדן זי אלעמאָל מיט האָבן.

פאַרוואָס ווערט זײַן ארויסגעשטויסן דורך האָבן, ניט פּאַרקערט — איז גרינג צו פאַרשטיין: די מינדערהײַט פאַלן (דער „אויסנאַם") אַסימילירט זיך מיט דער מערהײַט (דעם „קלאַל"). מיט האָבן בילדעט זיך די פאַרגאַנגענהײַט בײַ צענער טויזנטער ווערבן און מיט זײַן — בײַ הונדערטער (רעכענענדיק אויך די דעריוווירטע).

דאָס זעלביקע קומט פאָר בענעגײַע דער בילדונג פון דער פאַרגאַנגענהײַט אין די דײַטשישע און אין די פראַנצויזישע דיאַלעקטן (פראַנצויזיש שיידט אויך אונטער פאַרגאַנגענהײַט מיט „האָבן" און מיט „זײַן").

כ׳ קופערשמידס אַרטיקל גיט אַ רײַ בײַשפּילן צו דער דאָזיקער דערשײַנונג.

די צאָל ווערבן, וואָס בילדן די פאַרגאַנגענהײַט מיטן באַהילפיקן ווערב „זײַן", איז, ווי באַוווּסט, זייער אַ באַגרענעצטע[1]. קיין פעסטע קלאָלים וועגן דעם, וועלכע ווערבן קומען מיט „האָבן" און וועלכע מיט „זײַן", האָבן מיר ניט, און דעריבער איז דער פלאָנטער באַם באַנוצן זיך מיט די דאָזיקע הילפווערבן גענוג גרויס. אייניקע ווערבן קומען בײַ איינע און די זעלבע שרײַבער, בײַ אַלציינע אומשטאַנדן סײַ מיט „האָבן" און סײַ מיט „זײַן" לויט וואָסער אַ סימען, לויט וואָסער קלאַל?

אייניקע האַלטן, אַז „מיט „זײַן" בילדן די פאַרגאַנגענהײַט אַזוינע ווערבן, וואָס באַצייכענען מיינסטנס אַ באַוועגונג אָדער אַ צושטאַנד".

אויב מיר וועלן אָבער נעמען אַזאַ ווערב, ווי „טאַנצן" (באַציינט באַוועגונג), בילדעט ער די פאַרגאַנגענהײַט גראָד מיט „האָבן" (האָב געטאַנצט). כוץ דעם, קומען אויך אייניקע אַנדערע ווערבן, וואָס גייען אין כ׳ זאַרעצקיס צעטל ניט אַרײַן, — אויך מיט „זײַן".

לאָמיר אַ קוק טאָן, ווי האַלט עס אין דעם זין אין אונדזער ליטעראַטור. איך האָב נאָכגעזען אַ היפּש ביסל ווערק, אָנגעהויבן פון דער עלטערער ליטעראַטור ביז די יינגסטע סאָוועטישע שרײַבער, אויסגענוצט די פּעריאָדישע פּרעסע — און אָט איז דאָס בילד. איך גיב דאָ אָן גאָר די ווערבן, וואָס בילדן די פאַרגאַנגענהײַט סײַ מיט „האָבן", סײַ מיט „זײַן". די אויספירן וועלן מיר פּרווון מאַכן שפּעטער.

---

